STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03609

MAYNE FUFTSIK YOR IN AMERIKE

Yaakov Fogel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַנע פּופּציק יאָר
אין אַמעריקא

יעקב פאָגעל

1960



מיינע פופציק יאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן

צוויי און צוואַנציק יאָר אין קאַליפאָרניע

אַכט און צוואַנציק יאָר אין ניו יאָרק

די אַקטיוויטעט פאַר

מיין היימשטאָט

ברעזשין

פוילן

Printed in U.S.A.
1960

III

* *
*

ברעזשין מיין שטעטל
געווען פאַר זיך אַ וועלטיל,
פון פיל שטעט געקומען אַהין
אַרבעטן ביי אונדז אין ברעזשין
מיט דער נאָדל, אייזען און שער,
געאַרבעט לאַנג שעהן שווער;
קיין עלעקטרישע מאַשין געווען דאָרט,
האַנט און מוסקול געאַרבעט האָט,
מיט׳ן פולען אָנגעשטרענק כוח,
אין שטוב איז געווען שטויב און רויך;
ביי נאַכט זיך געוואַשן מיט שניי,
געהאָפט די נאַכט זאָל זיין פאַרגיי,
ערשט פרייטיק פאַר נאַכט
האָט זיך געענדיקט די וואָך.
פרינצעסן שבת איז געקומען,
געבראַכט פון גן עדן בלומען,
עס איז שוין אַוועק אַ צייט-לאַנג,
נאָך דעם שבת איז אונדז זייער באַנק.
ווען יונגע לייט נאָר געווען פיר
האָט מען געבראַכט אַ פעסעלע ביר,
געווען איז אויך הערינג און ברויט,
מען האָט געגעסן, געטרונקען ניט פאַר נויט,
פיל מאָל געטאַנצט און געזונגען,
מען האָט געהוליעט געשפרונגען,
קיין אונטערשיד, — אָרום אָדער רייך,
שבת יום טוב פאַר אַלעמען גלייך.
היינט נישטאָ דאָרט קיינער,
ניט געבליבן אַפילו איינער,
דער חורבן איז גרעסער היינט
וואו ביי נבוכדנצר דעם פיינט;
דאַמאָלס האָט מען אין בבל געטריבן,
יעצט זענען זיי אין געטאָ געבליבן,
שקלאַפן געאַרבעט ווי קנעכט,
אַרבעטן געמוזט פאַר ברויט, קיין רעכט;
שפעטער אין גאַז קאַמערן געטריבן,
זייער ווייניק זענען לעבן געבליבן;
מיר האָפן אין אונדזער אייביקן לעבן
וועלן מיר קיינמאָל פאַרגעסן אָדער פאַרגעבן.

יעקב פאָגעל

לאָס אַנגעלעס, תש״ך (1960)

אין דעם יאָר 1910, גלייך נאָך דעם שווערן סטרייק ביי די מאַנטל מאַכער, בין איך געפאָרן אין שיקאַגאָ. איך האָב דאָרט געאַרבעט און פאַרדינט בעסער ווי אין ניו יאָרק. עס האָט ביי מיר אויסגעזען ווי איך בין געקומען פון אַ גרויסע שטאָט אין אַ קליין שטעטל. איך האָב פאַרברענגט דאָרט צען וואָכן צייט. ווען איך האָב געהאַט גענוג געלט, בין איך צוריק געפאָרן אַ היים קיין ניו יאָרק, — אין די גרויסע אידישע וועלט־שטאָט, ווי אַלץ איז אידישליך. מען האָט גערעדט אידיש אין דער היים, אין דער „יוניאָן", אויך אין דעם שאַפּ, וואו מען האָט געאַרבעט, כאָטש עס זיינען געווען איטאַליענער, אויך ניט פיל פון אַנדערע פעלקער, ווי רוסישע, אונגאַרישע, רומענישע און אַ קליינע צאָל פּוילישע, אָבער די מערהייט אידן, כאָטש זיי זענען געקומען פון פאַרשידענע לענדער, האָבן אַלע גערעדט אידיש. מיר האָבן געטראַכט: זאָלן אַלע זיך אויסלערנען ריידן אידיש אָדער, אמווייניקסטן, זאָלן זיי זיך לערנען ענגליש, און ביז דאַן וועלן מיר אויך זיך לערנען ענגליש. ווי עס וויזט אויס איז אַזוי געוואָרן, ס'איז נאָר געווען שלעכט וואָס דער אידיש אין יענער צייט איז קיין אידיש ניט געווען, עס איז געווען געמישט מיט ענגלישע ווערטער, וואָס פאַר נייע אָנגעקומענע איז געווען שווער צו פאַרשטיין. די שולד איז געווען, וואָס די אידישע צייטונגען האָבן אויך אזוי געשריבן.

עס איז דאָך אַ כלל הכל כפי מנהג המדינה.

איך האָב, ווי אַלע אַנדערע, ניט געטראַכט אַז אַמעריקע וועט בלייבן מיין היים שטאָט. — איך וועל אָנזאַמלען אַ ביסל געלט, און יעדער דאָלאר וועט זיין צוויי רובעל. איך זאָל אָנזאַמלען פינף הונדערט דאָלאר וועט עס זיין טויזענט רובעל — בין איך שוין אַ גביר. איך וועל אַ היים פאָרן און קענען שוין טראַכטן פון עפּעס אַ געשעפט. מ'קריגט דאָך אַביסל קרעדיט און מען דאַרף ניט זיין קיין אייביקער שקלאַף צו דער נאָדל און פאַרבלייבן אַן אייביקער פרעמדער אין אַמעריקע. אומגעפער אַזוי האָט אויך מיין פאָטער צו מיר געשריבן. נאַטירליך, ער האָט געמיינט ווען איך וועל זיין צוריק אין דער היים, וועל איך אויך זיין מער איד ווי אין אַמעריקע, אָבער אַזוי ווי איך בין ניט געווען קיין געלט זאַמלער, האָב איך ניט געהאַט קיין באַנק־ביכל אָנגעשריבן פול מיט ציפערן. איך בין געווען יונג, געוואָלט לעבן, גיין אין אַ אידישן טעאַטער, גיין הערן אַ גוטע לעקציע, אָדער אַ ליטעראַרישן אָוונט, אויך אַמאָל צו אַ קאָנצערט, וואו מען טרעפט פאַרשידענע מענטשן און מען באַקענט זיך מיט זיי.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין אַ צווייג פון אַרבעטער רינג, וואו איך האָב זיך געפילט ווי אַ היימישער מענטש צווישן אייגענע; איך האָב דאָרט געטראָפן מענטשן, וואָס איך האָב געקענט נאָך פון מיין היים־שטאָט, — איינפאַכע אַרבעטער. עס איז געווען אַ פרייע טיר — אָפען, ניט ווי אין אַ סאָסייעטי מיט געהיימע צייכענס, אָדער אַ פאַסיר וואָרט, און די שפראַך איז געווען אידיש, ניט דייטשמעריש. מען האָט געזוכט מער אינטעליגענטע מענטשן און געגעבן אַ געלעגנהייט. ווען איינער איז געווען פעאיק, האָט ער געקענט זיין אַ באַאַמטער. מען האָט אַראַנזשירט לעקציעס אין אידיש, — די מערסטע פרייע. אַמאָל האָט געקאָסט עטליכע סענט. מיט איין וואָרט — איך האָב זיך אריינגעפּאַסט אין דעם אַרבעטער רינג פיל בעסער, ווי אין אַ סאָסייעטי, וואָס איז באַשטאַנען פון די גרעסטע מערהייט פון מיין היים־שטאָט. מעגליך אויך דערפאַר, וואָס עס זענען געווען מענטשן נאָר יונגע און מיט אַ פרייען געדאַנק.

איך האָב זיך ניט באַנוגענט מיט דעם. איך האָב געגרינדעט פון אונדזער שטאָט אַ ברעזשינער קלוב זיך צו לערנען. וויסענדיק, אַז מיר האָבן פיל ניט געלערנט אין אונדזער היים, ווייל מיר האָבן איינפאַך ניט געהאַט קיין צייט ווען צו לערנען.

פיל קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן ווען זיי זענען נאָר צען יאָר אַלט געווען. מען האָט אָנגעהויבן מיט נאָר אַרויסציען העפטן. אַביסל שפּעטער האָט ער געדאַרפט אָפּטראָגן די פאַרטיקע מלבישים אין מאַגאַזין. מען האָט אַפילו צוגעשטעלט אַ בענקל ער זאָל דערגרייכן צום טיש און האַלטן אַ פּרעס־אייזן, און מען האָט געלערנט פּרעסן. עס איז אַלע מאָל געווען ארבעט פאַר אַ קינד.

איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט דעם היימישן לעבן, האָב איך געוואָלט מיר זאָלן זיך לערנען און ניט פאַרבלייבן צוריקגעשטאַנען, ווי מיר האָבן געזען דעם עלטערן דור. אין אַמעריקע האָט מען ביט געאַרבעט גאָט׳ס שעהן, ווי אין ברעזשין, מיר האָבן געהאַט צייט נאָך דער אַרבעט זיך צוזאַמען קומען, ניט נאָר שפּילן אין קאָרטן, נאָר אויך זיך לערנען אמווייניקסטן דאָס נויטיקסטע, דאָס עלעמענטאַרסטע, וואָס איז טעגליך ניצליך; מיר ווילן גיין אין אונדזער אייגענעם חדר, וואָס מען האָט גערופן זעלבסט־בילדינג פאַריין. מיר האָבן געהאַט לעקציעס אין אידיש און מיר האָבן אליין געלייענט, פון ביכער זיך געלערנט מען זאָל קאָנען לייענען פאַר אַנדערע, און ווער עס איז פעאיק, זאָל דעקלאַמירן אָדער זינגען פאַר אַן אייגענעם עולם, אָדער פאַר אַנדערע. מיר האָבן זיך איינגעשאַפט צו ביסלעך אַן אייגענעם ביבליאָטעק פון אידישע ביכער. מיר זענען אַלע געווען יונגע מענטשן; מיר האָבן געוואָלט לערנען אין אונדזער פרייע צייט נאָך דער ארבעט. איך האָב זיך פאַרשריבן אין די פרייע אָוונט קורסן צו לערנען ענגליש. עס איז אין יענער צייט געווען אַ מלחמה. איטאַליע, ווי מיר שיינט, מיט טערקיי. מיין לערער איז געווען אַן איטאַליענער; ער האָט מיך געשיקט קויפן אַ צייטונג, וואָס האָט דאמאָלט געקאָסט איין סענט; ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די מלחמה נייעס. איך האָב פּראָטעסטירט נאָך וואָס נאָר לייענען די מלחמה נייעס. איך בין פאַר פרידן אין אַלע לענדער, נאָך וואָס זיך שלאָגן און ערשט שפּעטער ריידן וועגן פרידן. זאָל מען זיך צוזאַמענקומען פריער און דיסקוסירן וועגן די מיטלען פאַר פרידן און אויסמיידן די שרעקליכע מלחמות.

עס איז אָבער די מענטשן, וועלכע זיצן ביים טיש, — זיי זענען שוין על־טערע מענטשן, זיי טראַכטן, אַז זיי וועלן שוין ניט גיין אין קריג, עס גייען נאָר די יונגע קינדער, די גאָר אומשולדיקע, זיי זיינען די קרבנות, זיי זענען די, וואָס ווערן געהאַרגעט, אָדער פאַרקריפּעלט אויף זייער אייביקן לעבן.

(עס איז פיליכט ניט צוגעפּאַסט צום היינטיקן לעבן. מען האָט שוין צו־געטראַכט, אַז מען קען אויסהאַרגענען די עלטערע מענטשן אויך, אַפילו, ווען זיי זיצן אין זייער היים בא זייערע טישן מיט זייערע פרוען און קינדער. מיט אַ באָמבע קען מען אַלעס פאַרניכטן אויף אייביק). ערשט יעצט איז די צייט מען זאָל זיך צוזאַמענקומען פריער און דיסקוטירן די בעסטע וועגן און מיטלען אויס־צומיידן די שרעקליכע מלחמות. מען קען לעבן אין פרידן. נאָך וואָס זיך אריינ־מישן דאָרט, וואו עס איז ניט נויטיק. יעדעס לאַנד דאַרף לעבן אַזוי ווי זיי ווילן, אָדער ווי זיי פאַרשטייען. פאַר דעם בעסטן פאַל קען מען אָנפירן מיט לעקציעס און באַווייזן, אַז עס זענען פאַראַן בעסערע וועגן צום לעבן אין אַ פרידליכן וועג. בעסער, שענער און לייכטער אויף אַן איידעלען וועג זיך צו פאַרבעסערן דעם אַרט לעבן דורך לערע און ויסנשאַפט.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער שולע, האָב איך געזען אַ מענטש, וואָס איז מיר געווען זייער גוט באַקאַנט. ווען מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען נעענטער אייגער צום צווייטן, האָבן מיר זיך דערקאָנט: דאָס איז געווען עמאַ־נואל אייזיק גראָסמאַן. ער איז געווען אַמאָל אַ פרומער איד, אַ חסיד, געהאַט אַ פיינעם טאַטן, אברהם ישעיה, — אַ חסיד, אַ בעל תפילה. ווען איך בין געווען אַ אינגל פון אַ יאָר צען, האָט מען מיך געשיקט איינקויפן פאַרשידענע שפּייזן

און . . . צו עמאנואל אייזיקן. אומגעפער מיט צען יאָר שפּעטער איז גראָסמאַן געוואָרן אַ מאַגאַזינער פון מענער קליידער. האָב איך פאַר אים געאַרבעט. ער האָט געמאַכט גוטע געשעפטן. איך האָב ניט באַמערקט ער זאָל ווערן אַנדערש אין זיין לעבענסגאַנג. ער האָט אַלע מאָל געטראָגן לאַנגע מלבושים. אַ סאַמעט־טענע הוט, — דאָס איז געווען נאָר אויף שבת. געדאַוונט האָט ער אין אַלעק־סאַנדער'ער שטיבל. יעצט זע איך אים ווי ער שטייט פאַר מיר — דער זעלבער מענטש אָן אַ באָרד, קורצע קליידער. ער האָט מיך געבעטן אין זיין היים. ווען מיר זענען געקומען אין זיין שטוב, האָט ער גערופן זיין פרוי: אסתרל, זע נאָר ווער עס איז דאָ! זיי האָבן אויך ניט געטראַכט, אַז איך בין אין אַמעריקע, — אַזוי גיט ווי איך האָב ניט דערוואַרט זיי דאָ צו טרעפן. מיר האָבן פאַרבראַכט ביי אַ גלאָז טיי. זיך דערמאָנט אין פאַרשידענע צייטן פון אונדזער געוועזענע היים אין ברעזשין, פוילן. איך בין געווען זייער צופרידן פון דעם וויזיט. איך האָב נאָך אַזאַ איד, — איך מיין, אַזאַ מענטש, אפילו פון אונדזער היים־שטאָט אין אַמעריקע ניט געזען. מיר האָבן גערעדט אונדזער שפּראַך, ניט ווי מען האָט גערעט אין יענער צייט ביי דער אַרבעט, אָדער אַפילו אין דער היים: האַלב אידיש און האַלב ענגליש.

דער אַרבעטס טאָג, אָדער בעסער געזאָגט, די אַרבעטס וואָך איז געווען פופציק שעה אַ וואָך. עס איז געווען נאָך דעם סטרייק אין יאָר 1910.

ווען עס איז ניט געווען קיין אַרבעט אין די שעפּער, האָבן אויך די אַרבע־טער געדאַרפט זיין אין שאַפּ. אויב עס וועט אַריינקומען, מוז מען זיין גרייט צו דער אַרבעט, ווייל קיין טעלעפאָן האָט מען אין יענער צייט זיך ניט געקענט דערלויבן, אַז מען זאָל אים רופן, ווען עס איז נויטיק צו דער אַרבעט. די צייט וואָס עס איז ניט געווען גענוג אַרבעט, האָט מען גערופן „סלעק"־צייט, ווי „חול המועד".

אין שאַפּ האָט מען געדאַרפט זיין צו יעדער צייט. האָט מען דאָך געדאַרפט זיך מיט וואָס צו באַשעפטיקן אין די ליידיקע צייט, — איז פאַרבליבן קאָרטן שפּילן. אָבער ניט אַלע קאָנען שפּילן, און ניט אַלע ווילן שפּילן. איך האָב ניט געוואָלט און ניט געקענט שפּילן; וואָס האָב איך געקענט טוען? האָב איך זיך אויסגעקליבן: ווען איינער פון די אַרבעטער האָט געהאַט אַ קינד, האָב איך געמאַכט אַ מאַנטעלע, אָדער ווען אַ פרוי האָט געוואָלט אַ מאַנטעל, האָב איך געמאַכט, אָבער קיין געלט האָב איך ביי קיינעם ניט גענומען. איך בין געווען צופרידן פאַרנעמען מיין פרייע צייט אין שאַפּ. ווען איך האָב זיך געקענט מיט דעם פאָרמאַן אין שאַפּ, האָט ער מיר שוין דערלויבט אַ היים צו גיין ווען ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט שוין דעם טאָג קיין אַרבעט ניט זיין. מען האָט זיך איינ־געשולדיקט אין דער „סלעק" צייט. ווען דער סעזאָן איז געקומען, האָט מען זיך אויסגעצאָלט. אין אַ געוויסן זין האָט דאָס געהאָלפן דעם אַרבעטער צו זאַמלען געלט. ער האָט געדאַרפט זאַמלען ווען ער האָט געאַרבעט כדי ער זאָל זיך קאָנען אויסצאָלן וואָס ער האָט זיך פאַרשולדיקט אין „סלעק" צייט. אין דעם שאַפּ האָט מען זיך איינגעלעבט אין אַ געוויסן זין ווי אַ גרויסע משפחה.

אָבער ביי דער אַרבעט איז אַזוי ניט געווען: יעדער איינער האָט געוואָלט מאַכן וואָס מער געלט. ער האָט זיך ניט גערעכנט וואָס זיין שכן קען ניט מאַכן אַזוי פיל ווי ער. ביי אים איז עס געווען אָנגענומען ווי אַ גרויסקייט, אַ העלדיש־קייט, אַז ער קען מאַכן מער אַרבעט און פאַרדינט מער געלט.

יעדער אָנהויב סעזאָן האָט מען געדאַרפט באַשטימען פרייזן פאַר דער אַר־בעט. עס איז פיל מאָל ארויסגעקומען אַרגומענטן מיט דעם בעל הבית. ער פלעגט זאָגן, אַז מיר פאָדערן צו גרויסע פרייזן, און ער איז געווען בייז און גע־זאָגט, אַז ער וועט ניט עקזיסטירן. איך האָב געפרעגט פאַר וואָס ווערן מיר ניט

ביז, ווען איר זאָגט קליינע פּרייזן? דאָ איז ווי אין אַ מאַרק: מען דינקט זיך ביז מיר קומען צו אַ פאַרשטענדעניש. איר ווילט מאַכן געלט, — מיר ווילן מאַכן אַ לעבן. לאָמיר בלייבן פריינטליך, מיר דאַרפן איינער דעם אַנדערן; איר ווילט האָבן פּאַרטיק געמאַכט אייערע סחורות, — מיר ווילן לעבן מיט אונדזערע פאַמיליעס. איבער אַלעס איז וויכטיק, — מיר דאַרפן באַצאָלן דירה געלט.

עס איז געווען איינגעשטעלט אַ סיסטעם: די ארבעטער האָבן דערוועלט אַ פאַרטרעטער אין יעדן שאַפּ. אויב עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן די ארבעטער אין זייער בעל הבית, אָדער צווישן אַרבעטער און די יוניאָן, איז דער פאַרטרעטער געווען ווי אַן אַדוואָקאַט פאַר די אַרבעטער.

ער האָט געדאַרפט איבערגעבן אין די יוניאָן ווי עס גייט אין דעם שאַפּ, אויב עס איז דאָ אַרבעט, און צו מען פאַרדינט גענוג.

עס האָט אַמאָל פּאַסירט: מיר האָבן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג פון אונדזער שאַפּ. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט געשיקט אַן אַגענט ער זאָל אויסגעפונען וואָס עס קומט פאַר אין אונדזער שאַפּ. מיר, די אַרבעטער, האָבן אים איבערגעגעבן וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אין שאַפּ. האָט דער אַגענט, אַנשטאָט אונדז אָנווייזן די פעלערן און מעגליך זיי אויסבעסערן, האָט ער גענומען אונדז זידלען מיט אַזעלכע ווערטער: איר זייט פערד, איר ווייסט ניט, וואָס איר טוט. אַזוי ווי איך בין געווען דער פאַרטרעטער פון שאַפּ, האָב איך עס ניט געוואָלט ליידן; האָב איך געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און ניט געלאָזן ריידן מער דעם אַגענט. איך האָב פראָבירט מיט אַ געבראָכענעם ענגליש איבערגעבן וואָס דער אַגענט האָט געזאָגט כדי די ניט־אידישע אַרבעטער זאָלן וויסן וואָס דאָ קומט פאַר. דער אַגענט האָט פאַרלאָזט דעם פלאַץ און איז אַוועק. מען דאַרף אונדז ניט באַליידיקן.

ווען עס איז ניט געווען קיין אַרבעט, האָב איך געוואָלט מאַכן אַן אַפּליקאַציע פאַר בירגער פּאַפּירן, האָט מען מיר געזאָגט איך זאָל נעמען דעם „עלעוויטעט" (הויך־באַן) און פאָרן ביז זי וועט זיך אָפּשטעלן און אַרויסגיין אין סיטי האָל (די שטאָט מאַגיסטראַט); דאָרט וועל איך קריגן דעם אַפּליקאַציע. מען דאַרף עס אויסשרייבן און זיך אונטערשרייבן. איך האָב מורא געהאַט די באַן זאָל מיך ניט אָוועקפירן, בין איך געגאַנגען אין גאַס הינטער די באַן. ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך געגאַנגען זוכן „סיטי האָל". איך האָב ניט געפונען. איך האָב באַמערקט אַ שולד: „סיטי קאַרט". אַ פּאָליציי מאַן האָט באַמערקט, אַז איך זוך עפּעס, האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך זוך, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך זוך „סיטי האָל". ער האָט באַמערקט, אַז איך בין אַן ערשט אָנגעקומענער, האָט ער מיך געפרעגט אויב איך רעד דייטש. ער איז מיט מיר אַריינגעגאַנגען אין „סיטי האָל" און האָט מיך געפרעגט אויב איך האָב אַ דאָלאַר. איך האָב אים געגעבן אַ דאָלאַר און ער האָט פאַר מיר געשריבן די אַפּליקאַציע פאַר בירגער פּאַפּירן. איך האָב זיך אינטערגעשריבן און בין אַ היים געגאַנגען מיט די ערשטע בירגער פּאַפּירן. אין מיין היים ווי איך האָב געוואוינט, האָבן זיך אַלע געוואונדערט ווי אַזוי איך האָב געטראָפן צום „סיטי האָל" און געקראָגן די פּאַפּירן. אין רוסלאַנד האָט מען זיך געשראָקן פאַר אַ פּאָליסמאַן, אָבער אין אַמעריקע זענען זיי פריינטליך. מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שרעקן. עס האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ פּאַס און איך מעג שוין פאָרן וואו איך וויל און באַלד וועל איך ווערן אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטן און מער ניט קיין אונטערטאַן ביי דער רוסישער רעגירונג. ווען איך האָב שוין אַ פּאַס וועל איך פאָרן אין פילאַדעלפיע, וואו איך האָב פריינט פון לאָדזש, וואָס וואוינען דאָרט. מיינער אַן אייגענער, שוין מיט גאָלדענע ציין, איז מיט מיר מיטגעפאָרן. ווי האָט עס געפּאַסט, אַז אַ גרינער פאָרט שוין אין פילאַדעלפיע און ער איז נאָך ניט געווען אין דער דריטע גרויסע שטאָט אין אַמעריקע, וואָס איז גאָר ניט ווייט פון ניו יאָרק?

מיינע פריינט האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינטליך. זיי האָבן געוואוינט אין צוויי קליינע שטיבלעך. אין אָוונט זאָגט מיר מיין פריינט, וועלכער איז מיטגעפאָרן מיט מיר, אַז מיר זאָלן גיין אין אַ האָטעל שלאָפן. עס האָט די פילאַדעלפיער פריינט פאַרדראָסן און האָבן מיך געפרעגט צו וועמען מיר זענען געקומען, — אין אַ האָטעל אָדער צו זיי? ווען די צייט איז געקומען צו גיין שלאָפן, איז געווען געגוג פלאַץ פאַר אַלעמען. מיר האָבן פאַרבראַכט עטליכע טעג אין פילאַדעלפיע. מיר האָבן געזען נאָך פריינט, ווייל אין פילאַדעלפיע האָבן געוואוינט פיל לאָדזשער, איבערהויפּט וועבער. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיינע פריינט העק, — אין לאָדזש האָט מען אים גערופן אברהם שלאָסער, — וואוינט יעצט אין נוּאַרק, ניו דזשוירזי. איך בין אַרויסגעפאָרן זיי זען און עס איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פריידן ווען מיר האָבן זיך ווידער באַגעגענט אין אַמעריקע. זייער אינגעלע, וואָס איז געבוירן אין לאָדזש קאַרל מאַרקס, — איז אין אַמעריקע געוואָרן מעקסי, אָדער מעקסילע. זייער הויז איז אַלע מאָל געווען פול מיט געסט. עס איז געווען וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן אויף אַ היימישן שטייגער. עס בענקט זיך פיל נאָך יענער צייט. מעגליך נאָך יענע יאָרן. מען קען עס ניט לייכט פאַרגעסן. אַלעס צוזאַמען איז געווען זייער גוט. און גוטע ערליכע פריינט און גוטע ערליכע מענטשן קען מען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס אידישע טעאַטער אין יענער צייט איז אין אַמעריקע געגאַנגען באַרג אַרויף; עס האָט זיך געהאַלטן אין ענטוויקלען. מען האָט געוואָלט גיין אין אידישן טעאַטער; מען האָט זיך געפילט פרייער, בעסער, אַזוי ווי מיר וואָלטן אויפמישן אַ ניי בלאַט אין אונדזער לעבן. מען האָט אויך קיין מאָל ניט געפילט ווי די נאַציאָנאַליסטן האָבן עס אָנגערופן „גלות" אידן. מיר האָבן מער געפילט ווי באַפרייטע. אַ קלייניקייט, פּטור געוואָרן פון די רוסישע צאַרסקע רעגירונג! אויך פריי געוואָרן פון אונדזערע שכנים — די פּאָליאַקען, די ביטערסטע אַנטי־סעמיטן. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פרייער פויגל ווען מען לאָזט אַרויס פון שטייג, אַמווייניקסטן, ווי מען וואָלט מיך באַפרייט פון אַ שווערע טורמע. דער איינציקער פּראָבלעם איז געווען זוכן שפּייז. דאָס איז ניט געווען זייער לייכט פאַר מיר, אָבער מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוואוינט. עס איז נאָך אַלץ געווען בעסער ווי אין פּוילן. דאָרט האָבן מיר די פאַרלאַנגן פאַר אַ בעסער לעבן ניט געהאַט. גאַנץ איינפאַך, מיר האָבן עס ניט געזען; עס האָט ניט געברענט דער פאַרלאַנג, דער געשמאַק פאַר אַ בעסער לעבן איז ניט געווען אַנטוויקעלט. מיר האָבן געלעבט מיטן געדאַנק: עס קען בעסער ניט זיין, און מיר מוזן זיין צו־פרידן מיט דעם, וואָס מיר האָבן. אָבער אַנדערש איז געוואָרן אין אַמעריקע, דער פאַרלאַנג האָט זיך אַנטוויקעלט פאַר אַ בעסער לעבן. מען האָט געקעמפט דורך סטרייקס פאַר אַ העכערן גראַד אין לעבן. די רעגירונג האָט זיך פיל ניט אַריינגעמישט און איינציקווייז געקלעטערט באַרג אַרויף אויף דעם לייטער, אויף אַ העכערן שטאַפּעל פון לעבן אין געזעלשאַפט. אויך ביי זיך אין דער היים. מען דאַרף וואוינען אין אַ בעסערע וואוינונג, באַקוועמליכע איינריכטונגען, פאַ־סענדע קליידער, דערלויבן זיך גיין אין טעאַטער, אַ בעסערע דערציאונג פאַר דעם נייעם דור, ער זאָל ניט ליידן דאָס, וואָס מיר האָבן געליטן, ניט מיט שלאָגן, נאָר מיט אַ העכערע בילדונג קען מען עס דערגרייכן.

אויך די מוזיקאַלישע וועלט אין יענער צייט איז ערשט אָנגעקומען. עס איז געווען זייער פיינע קאָנצערטן. אויך אָפּערעס האָט מען געקענט הערן, נאָר ווער האָט געהאַט געלט פאַר דעם. די קאָנצערטן זענען געווען צו געניגליך; דער אינטעליגענטער אַרבעטער האָט דאָרט געפונען זיין פּלאַץ; דאָס פיינסטע און דאָס בעסטע האָט דער אידישער יוגענט דאַמאָלס געפונען זיך ביי די קאָנצערטן, וואו עס האָט געשפּילט מישע עלמאַן, אפרים צימבאַליסט און אַלמאַ גלוק. מען

האָט זיי געהערט שבת און זונטיק און אַ גאַנצע וואָך נאָכגעבריִמט ביי דער אַרבעט. אויך אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די פאָנאָגראַף עפּאָכע. מען האָט געקויפט אַ פאָנאָגראַף און עס איז געפעלן געוואָרן אַלעמען, ווייל עס איז געוואָרן פרייליכער אין דער היים. יעדער איינער, לויט זיין געשמאַק, האָט געקויפט די פּלאַטן; איינער האָט געקויפט פאָלקס לידער, איינער האָט געקויפט פאַרשידענע קאָנצערטן, אַנדערע האָבן געקויפט גאַנצע אָפּערעס. עס איז געווען ווי עס איז היינט מיט די טעלעוויזיע, מיט איין וואָרט, עס איז געווען פריילעך אין יעדע היים; אין אַ געוויסן זין איז עס געווען בעסער ווי טעלעוויזיע: מען האָט אונדז ניט גענודיעט מיט רעקלאַמעס, וואָס פאַרשטערט צו הערן די פּראָגראַמען. מען פאַרמישט מוזיק מיט מעקלעריי, אָדער מאַרק געשפּרעכן . . . אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט איז נאָך געווען פיל הייזער וואָס זענען געווען באַלויכטן מיט גאַז, ניט קיין עלעקטריק. אין פיל פאַבריקן איז געווען דאַמפּף־קראַפט, וואָס מען האָט גערופן פּאַראַ—„סטים". אין די הייזער זענען נאָך ניט געווען קיין „באָד" צימערן. מען האָט געדאַרפט גיין אין ספּעציעלע באָד הייזער. עס האָט זיך ערשט אין דעם לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט ענטוויקעלט דאָס, וואָס מיר האָבן היינט. אַמאָל, ווען מען האָט געוואָלט פאָרן צום ים, איז געווען אַ פּראָבלעם, איבערהויפּט, ווען עס זענען געווען עטליכע קינדער; מען האָט געדאַרפט פאָרן מיט אַ טראַמוויי פון ניו יאָרק ביז קאָני איילאַנד; מען האָט אַרומגעהאַנגען מיט די פּאַסקעס אינווייניק און אויסווייניק פון אַ שעה מיט אַ האַלב ביז צוויי שעה פאָרן מיט קינדער. מען קען זיך פאָרשטעלן דעם פאַרגעניגן וואָס מען האָט געהאַט. ווען מיר דערמאָנען זיך ווי אונדזער וועלט האָט אויסגעזען מיט פופציק יאָר צוריק, איז עס זייער שווער צו דערקאָנען ווי מיט אַ ריזיקע ענדערונג עס איז פאַרגעקומען אין אַזאַ קורצע צייט אין די לעצטע צוויי דורות.

די וועלט האָט פּראָגרעסירט ניט מיט אַלעמען. דער מענטש איז געבליבן מיט זיינע איבערליכע געוואוינהייטן, זיך ניט געענדערט, ער וויל הערשען און באַהערשען אַנדערע, ער זוכט כבוד און מאַכט. איבערהויפּט רייכטום. איז ער דען אַנדערש ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק? מענטשן זוכן געלט, זיי דענקען, אַז פאַר געלט קען מען אַלעס קויפן, אָבער דאָס איז ניט זיכער. מען קען זיך טיילווייז פאַרבעסערן דאָס לעבן מיט געלט, אָבער ווייט ניט אַלעס. אַ מענטש דאַרף האָבן כאַראַקטער און זיין דערצויגן צו זיין אַ בעסערער מענטש. ער דאַרף ניט טראַכטן נאָר פאַר זיך, „יענער" האָט אויך אַ רעכט צו לעבן. איך וויל טראַכטן וועגן דעם אַרבעטערס לעבן, ווי ווייט ער האָט זיך פאַרבעסערט. וואָס האָט דער אַרבעטער געטראַכט מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק? וואָס האָט מען זיך פאַרגעשטעלט וועט זיין אין די קומענדע יאָרן, איבערהויפּט, ווען עס וועט זיין אַן אַרבעטער רעגירונג? וואָס האָט ענגלאַנד באַוויזן ווען עס איז געווען אַן אַרבעטער רעגירונג? אָדער וואָס האָט רוסלאַנד אויפגעטאָן פאַר די אַרבעטער?

רוסלאַנד האָט אויפגעטאָן איין גוטע זאַך: עס זענען נישטאָ מער אַזוי פיל „בעזגראַמאַטנע", מען שיקט די יוגענט לערנען און דאָס לאַנד פילט עס שטאַרק. עס איז אָבער ניט קיין דעמאָקראַטיש לאַנד; עס זענען פאַראַן צוויי קלאַסן וואָס זענען שאַרף צוטיילט: די רעגירונג וואָס האָט אַלעס און די אַרבעטער וואָס האָבן גאָר נישט. אחוץ פון דעם איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דער אַנטיסעמיטיזם און דאָס איז נאָר צוליב פּאָליטיק. זי וויל פאַרנעמען דעם מיטל מזרח, זיי וואָלטן געקענט פיל לייכטער עס פאַרנעמען ווען ישראל איז דאָרט נישטאָ. דאַרף מען זיך חברען מיט די אַראַבער און זיין קעגען די אידן. מען לאָזט זיי ניט אַרויס, ווייל זיי ווילן פאָרן קיין ישראל, וועט דאַך דאָס לאַנד ווערן שטאַרקער, אַזוי טראַכטן די אַראַבער, דער פּאַר איז ישראל נישט גוט, און מען העלפט די אַראַבער מיט וואָס מען קען . . . די עקאָנאָמישע זייט איז ווייט פון זיין גוט. דער אַרבעטער

לעבט נאָך אונטער זייער אָרימע באַדינגונגען, איז דאָס סאָציאַליזם? אָדער קאָמוניזם? ניין! עס איז נאָר דער נאָמען, אָבער דאָס איז אַ פאַלשער נאָמען. ער איז אויף קיין פאַל ניט באַרעכטיקט.

אין רוסלאַנד איז מער נישטאָ קיין קאַפּיטאַליסטן. וואָס האָט דער אַרבעטער דער פון? ווען מען שלאָגט מיך טוט מיר וויי, איז דען אַן אונטערשיד ווער עס שלאָגט מיך? קעגן דעם קאַפּיטאַליסט קען מען סטרייקן פאַר אויסבעסערונג. דאָס האָבן מיר דאָך אַ פאַקט. אין אַמעריקע לעבט דער אַרבעטער אַ פיל העכערן לעבענס שטייגער ווי אין דער גאַנצער וועלט. אויך די קאַפּיטאַליסטן זענען די רייכסטע. אין רוסלאַנד קען דער אַרבעטער ניט סטרייקן פאַר אַ העכערן לוין, ווייל די אַרבעטס געבער זענען די רעגירונג און קעגען דער רעגירונג טאָר מען ניט סטרייקן; ווען מען זאָל סטרייקן פאַר אַ העכערן לעבענס שטייגער וועט די רעגירונג שיקן אויף אַן אַנדערע וועלט; אויב עס געפעלט דיר נישט דאָ, גיי אויף אַן אַנדערע וועלט; פּרוף, מעגליך עס וועט דיר זיין דאָרט בעסער. מען האַלט די אַרבעטער אין די מורא און אין שרעק. רעט מען אַ וואָרט, אַז די רע־גירונג האָט געמאַכט אַ טעות, ווערט ער גלייך אַרעסטירט און מען זעט אים ניט מער. אַמעריקע איז אַ פרייע לאַנד, מען קען קויפן אַן אַמט ווען מען האָט געלט. פאַרוואָס האָבן די אַרבעטער אין אַמעריקע קיין פאַרטרעטער אין קאָנגרעס? ווייניק אַרבעטער גייען צום שטים קאַסטן? עס שטימען פיל פרויען. אַ פרוי שטימט פאַר אַ שיינעם מאַן. די אַרבעטער האָבן ניט אַזוי פיל געלט צו פּראָקלאַמירן. די רייכע גיבן אויס זייער פיל געלט פאַר דעם. אין אַמעריקע טרעפט פיל ניט עהרליכע האַנדלונגען אפילו קליינינקייטן. אַ סעקרעטאַר אין ניט קיין גרויסע אָרגאַניזאַציע, אָדער דער קאַסירער. די מענטשן וואָס דורך זייערע הענט גייט דורך פרעמדע געלטער. זיי נעמען אַמאָל צו עטליכע הונדערט דאָלאַר און אַנטלויפן. ער טראַכט ביי זיך אים וועט מען ניט כאַפּן, ער איז אַ געשיקטער, ער ווייסט ווי זיך צו באַהאַלטן און ער וועט האָבן אַ מעגליכקייט אויך צו לעבן ווי אַנדערע אַ ביסל בעסער. דאָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן. די שרעקליכסטע פאַרברעכענס קומען פאַר ווען מען נעמט אַ קינד און זיי פאַרלאַנגען געלט ביי די עלטערן. אויב זיי וועלן ניט ברענגען די סומע, וואָס מען פאַרלאַנגט, וועט מען דאָס קינד הארגענען. מיט דעם ווערט באַגאַנגען די שרעקליכסטע פאַרברעכענס. ערשטענס, וואָס איז דאָס אומשול־דיקע קינד שולדיק? עס טרעפט מען נעמט צו אַ קינד. ביז מען געפינט אויס אַ וועג ווי אַזוי אויסצוקויפן דאָס קינד, האָט מען שוין דאָס אומשולדיקע קינד געהאַרגעט ווייל פיל מאָל דערשרעקט זיך דער פאַרברעכער פאַר זיין אייגענעם טאַט און לאָזט אויס דעם כעס צו דעם אומשולדיקן קינד . . . מען האָט די שטראָף געמאַכט זייער גרויס, אָבער דער פאַרלאַנג צו זיין רייך, ווייל יענער לעבט בעסער. יענער וואָס וואוינט ניט ווייט פון אים — ער האָט אַ נייעם אויטאָמאָביל, אַן אייגענע הויז, ער פאָרט ארויס מיט זיין פאַמיליע אין די רייכע רעסטאָראַציעס און גייט אין טעאַטער אָדער אָפּערעס, און ער זיצט אין דער היים אין אַ ביליגע וואוינונג און הערט זיך צו אויף דער ראַדיאָ ווי אַזוי מענטשן לעבן. און עס שיפּט ביים אים דאָס האַרץ פאַרוואָס זאָל איך ניט האָבן אַ בעסער לעבן? ער שלאָפט ניט ביי נאַכט און מאַכט פּלענער. מאָלט זיך אויס געדאַנקען ווי ער וועט אויך זיין רייך, אויך לעבן ווי זיינע שכנים, פאַר וואָס ניט? ברענט און עס פּאַסירט. מען פּרופט באַגיין אַ פאַרברעכען. אָבער ווייט ניט אַלע מאָל טרעפט מען. פיל מאָל געלונגט עס ניט, און מען אַרעסטירט אים. אויב ער האָט אפילו שטאַרק חרטה העלפט עס אים אויך ניט. ער האָט געפלאַנעוועט צו באַגיין אַ פאַרברעכן. עס איז ניט געווען קיין צופאַל, ס'איז פּלוצלינג געקומען אונגעריכט און דער מענטש איז אומגליקליך אויף זיין גאַנצן לעבן . . .

דער סאָציאַליזם האָט צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן לעבן אין פּאַלאַצן, עס וועט ניט זיין קיין קאַפּיטאַליסטן, מיר, אַרבעטער, וועלן האָבן דעם גן עדן אויף דער ערד, ניט ווי די קאַפּיטאַליסטן האָבן אונדז צוגעזאָגט, אַז אויף יענער וועלט איז דער גן עדן, דערווייל האָט מען אונדז אריינגעלייגט אין דער ערד, פאַרשאָטן מיט זאַמד, ארויפגעשטעלט אַ שטיין און פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן שוין ניט קאָנען אויפשטיין; ווען עס זאָל זיין לעבן דאָרט, וואָלטן אונדזערע מאַמעס געקומען און אונדז דערציילט וועגן דעם לעבן דאָרט, ווייל קיין בעסערע פריינט ווי אַ מאַמע איז אויף דער וועלט ניט געווען, זי לעבט ניט נאָר פאַר זיך, — זי גיט אַלעס אַוועק די קינדער.

יעצט, ווען מיר האָבן דערלעבט צו זען די צאַרסקע רעגירונג אין רוסלאַנד אומגעוואָרפן, האָבן מיר געקענט דערוואַרטן פרייהייט און מענטשליכקייט, — האָבן מיר קאָנצענטראַציע לאַגערן, אומווייניגסטן סיביר, און אויב ניט דאָס, גיי ווי חבר סטאַלין איז יעצט, אפשר וועט ער זיך איינשטעלן פאַר דיר. פאַר דעם האָבן מיר געקעמפּט? געלעגן אין די טורמעס, געפרוירן אין סיביר, געפוילט אין די לאַגערן און געהונגערט און געוואַרט פאַר די סאָציאַלע פאַרבעסערונגען? היינט לאַכט מען זיך אויס: אָפּגעשאַפט די אידישע קולטור, פאַרניכטעט אין גאַנצן די אידישע ליטעראַטור, געשיקט אויף יענער וועלט די אידישע שרייבער, — איז דאָס סאָציאַליזם געשריבן ביי קאַרל מאַרקס? אָדער ביי די היטלעריסטן? איך ווייס, מען טאָר ניט פרעגן, אָבער איך בין נאָך אין אַ פריי לאַנד, וואָלט עס פּאַסירט דאָ, וואָלט איך ניט געקענט פרעגן; דערווייל איז נאָך ניט אַזוי שלעכט: מיר דערוויילן אונדזערע פאַרשטעער; איך האָב ניט מורא צו זאָגן, אַז איך בין אַ דעמאָקראַט, ניט פון די וואָס האָבן דערוויילט דעם יעצטיקן פּרעזידענט, — ער קען מיך דערפאַר ניט באַשטראָפן. עס זענען געווען אַן ערך צוואַנציק מיליאָן, וואָס האָבן פאַר אים ניט געשטימט, אָבער אין רוסלאַנד ווען מען שטימט ניט פאַר וועלכן זיי ווילן רופט מען צוריק און מען פרעגט פאַרוואָס האָסטו אין גאַנצן ניט געשטימט? עס געפעלט דיר ניט די סאָוועטישע רעגירונג? שיקט מען אים אויף אַן אַנדערע וועלט גיין דאָרט וואו ער וויל, דאָרט איז פרייהייט, קענסטו דיר אויסקלייבן אַן אייגענעם פּרעזידענט וועמען דו ווילסט האָבן.

אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט מען זיך אויסגעלערנט צו גיין אין דעם זעלבן וועג: ווען איינער ווערט אַ פּרעזידענט, מיינט עס אויף אַ לעבן לאַנג, כאָטש עס ווערט אַדורך געפירט דעמאָקראַטישע וואַלן, יעדער איינער האָט אַ רעכט צו שטימען ווי אַזוי ער וויל, און דאָך קומט ארויס ווי אַזוי זיי ווילן: עס ווערט אַלעס צוגעגרייט ווי אין אַ פאַבריק; מען וועט ניט באַשטימען, אַז אַ פּרעזידענט האָט קיין רעכט ניט צו זיין פּרעזידענט מער ווי צוויי טערמינען, און געבען אַן אַנדערן אַ מעגליכקייט, אפשר וועט יענער זיין בעסער, ניין! מען האַלט אָן מיט שטאַרקייט, אַרומגערינגעלט מיט זעכציק שטאַרקע. מען קען פרעגן פאַרוואָס שווייגן די אַרבעטער? אויף דעם איז דאָ אַ קורצער ענטפער, — אויב איינער וועט זיך אויפשטעלן ביי אַ פאַרזאַמלונג און פרעגן אַ פראַגע אויב דאָס וועט ניט געפעלן די באַאַמטע, קען אַ שטאַרקער צוגיין און אים ארויספירן פון זאַל. לעצטנס איז בעסער: מען זאָגט אַז ער איז אַ קאָמוניסט, דאָס איז טריפה, זיצט ער שוין און שווייגט, אָדער ער גייט אַ היים און קומט ניט מער צו קיין פאַרזאַמלונג. עס איז אַ געשעפט, וואָס געהערט נאָר צו די פירערס, זיי פירן דאָס געשעפט . . . איך האָב באַמערקט אין אַ צייטונג, אַז אַ פּרעזידענט פון אַ יוניאָן האָט געגעבן פופציק טויזנט דאָלאַר און ניט דערמאָנט דעם נאָמען פון וועלכע אָרגאַניזאַציע; האָב איך געמיינט, אַז ער גיט זיין אייגן געלט.. איך האָב נאָכגעזוכט און אויסגעפונען, אַז דאָס געלט איז פון אַ יוניאָן . . . מען דאַרף

זיך ניט אָנפרעגן ביי די אַרבעטער, — ווער איז דער אַרבעטער? און וואָס ווייסט דער אַרבעטער? כאָטש דער אַרבעטער איז זיין בעל הבית: ער צאָלט אים זיין געהאַלט מיט זיין געלט; פון דעם לאַכן זיי זיך אויס מיט די ווערטער: זיי זענען „בעזגראַמאָטנע״, זיי ווייסן גאָר ניט. דער אַרבעטער ווייסט אָבער יאָ און פאַרשטייט זייער גוט! עס איז ניט גוט מיט אַזאַ יוניאָן, עס וועט אָבער זיין פיל ערגער אָן אַ יוניאָן. דאָס איז די הויפט אורזאַך פאַרוואָס דער ארבעטער שווייגט, ער וויל ניט צעברעכן וואָס עס איז געווען זייער שווער אויפצובויען, אַ דאַנק פּרעזידענט רוזוועלטן. מיט דער צייט וועט זיך אפשר פּאַרט ענדערן און עס וועלן קומען נייע, ערליכע פירער און די יוניאָן וועט זיין פון אַרבעטער פירער און פאַר די אַרבעטער . . .

* * *

איך קום צוריק צום שאַפּ: עס איז געווען אין יאָר 1912; מיר האָבן געמאַכט פרייזן און ביי דער אַרבעט האָבן מיר געזען, אַז מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט. מיר האָבן עס איבערגעגעבן דער יוניאָן און מען האָט באַשלאָסן אַז מען דאַרף העכערן דעם פּרייז, 25 סענט אויף אַ שטיקל אַרבעט. דער אַגענט איז ארויפגעקומען און האָט עס איבערגעגעבן דעם בעל הבית, האָט האָט דער בעל הבית אָפּגעזאָגט; זיין טענה איז געווען, אַז ער האָט דעם קאָסטיום פאַרקויפט און ער קען יעצט ניט העכערן דעם פּרייז. דער אַגענט האָט מיך צוגערופן און געהייסן מיך אָפּשטעלן די עלעקטרישע קראַפט; דער בעל הבית האָט געדענקט, אַז איך וועל די קראַפט ניט אָפּשטעלן, נאָר הייסן וואַרטן ביז נאָך דער אַרבעט און מיר וועלן זיך דורכריידן, איך האָב אָבער געדאַרפט אויספירן וואָס מען האָט מיך געהייסן פון דער יוניאָן. מיר האָבן דערקלערט אַ סטרייק; אין עטליכע טעג האָט מען זיך אויסגעגלייכט: מען האָט דערלייגט עטליכע סענט. מיר האָבן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דער אַרבעטער וואָס איז ניט מיט אונדז געגאַנגען סטרייקן זאָל מען אים ניט לאָזן מער אַרבעטן אין דעם שאַפּ. איך האָב עס איבערגעגעבן דעם בעל הבית, איז איין ארבעטער געקומען אין דער יוניאָן און געקראָגן אַ בריף אַז איך זאָל אים דערלויבן צו אַרבעטן, האָב איך זיך אָנגעטאָן, גענומען מיין שער און בין אַרויס; פון די ארבעטער האָט קיינער זיך ניט אויפגעשטעלט פרעגן, פאַרוואָס איך גיי אַרויס, נאָר איין מיידל, וואָס האָט געוואָלט מיט מיר ארומגיין, האָט געפרעגט, וואָס האָט פאַסירט? די אַרבעטער האָבן געטראַכט, אַז זיי וועלן האָבן אַ צוויי שעה אַ וואָך מער אַרבעט. דער „סופּריטענדענט״ האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך גיי אַוועק, ווייל די יוניאָן איז געגען אונדזער באַשלוס, האָב איך אים געענטפערט. דער בעל הבית האָט נאָר געזאָגט עטליכע ווערטער: פאַגל, דו וועסט ניט דורכגיין דעם לעבן אַזוי ווי דו ווילסט גיין. די מענטשן ווילן ווערן אָפּגענאַרט און אַזוי דאַרף מען זיי באַהאַנדלען, און איך בין אַוועק.

דאָס איז געווען אין יאָר 1913; איך בין געוואָרן א סוחר. ניט קיין פּעדלער, אויך ניט קיין מנחם מענדעל. מיינער אַ קאָזן און מיר האָבן אריינגעלעגט, יעדער פון אונדז, צו דריי הונדערט דאָלאַר. מען האָט געדונגען אַ געוועלב אין ברוקלין, געקויפט אַביסל סחורה און אליין אויפגעאַרבעט פאַר פרויען קליידער. איך בין געווען צופרידן. אויב מען וועט נאָר פאַרקויפן, וועט זיין אַ געשעפט. איך האָב געוואָלט אַרבעטן פאַר זיך, ניט גיין צוריק אין אַ שאַפּ, האָבן צו טוען מיט אַרבעטער, אַ יוניאָן און מיט אַ בעל הבית. איך בין אויפגעשטאַנען פרי, געמאַכט פייער מיט האָלץ און קוילן. איך האָב אויסגערייניקט דאָס געוועלב, איך האָב אלעס גענומען לייכט און גוטמוטיק. איך האָב ווינטער געדאַרפט האקן אייז אויפן טראָטואַר; געלייקט זיך שלאָפן אין א קיינמאָל געהייצטע שטוב. דאָס אויפשטיין איז געווען שרעקליך; ערשט ווען איך בין ארונטער געגאַנגען

אין געוועלב האָב איך געמאַכט דאָרט וואָרים; איך האָב זיך ניט באַקלאָגט, געלעבט מיט האָפענונג, — אפשר וועט זיין פּרנסה. איך בין אַריינגעגאַנגען צו דעם בעל הבית וואו איך האָב געאַרבעט, ער האָט מיר געגעבן פּאַרטיקע מאַנטלען און קאָסטיומען אויף קרעדיט. עס האָט מיר ניט אויסגעזעען צו זיין שלעכט. עס זענען אריינגעקומען מענטשן, איך האָב געמאַכט באַקאַנטשאַפט. איינער האָט געקויפט און איינער האָט באַשטעלט. עס וואָלט אפשר געוואָרן אַ געשעפט, מען מוז האָבן געדולט, אָבער מיין שותף איז ניט געווען צופרידן, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אריינגעלעגט געלט און מוז נאָך אַרבעטן און אַז עס טראָגט ניט פאַר צוויי מענטשן. איך האָב געוואָלט בלייבן אין געשעפט, איך בין געווען צופרידן מיט די קליענטן. איך האָב געמאַכט פריינט מיט די מענטשן, וואָס זענען אריינגעקומען אין געשעפט, אָבער מיין שותף איז ניט געווען קיין זייער פריינטליכער, מעגליך, עס איז געווען אַן אַנדער אורזאַך: — זיין ברודער איז דאן געקומען פון אייראָפּא און ער האָט אים געוואָלט ארייננעמען אין געשעפט. איך האָב אים פאָרגעלייגט: וויפיל ער וועט מיר געבן פאַר מיין חלק, וועל איך אים געבען הונדערט דאָלאַר מער, אַז איך זאָל אליין פאַרבלייבן אין געשעפט. איך האָב געטראַכט, אַז ער וועט דאָרט ניט פאַרבלייבן. ער האָט אַפּעלירט: ער איז פאַרהייראַט און איך ניט, וויל ער בלייבן אין געשעפט; וואָס האָב איך געקענט טוען? — האָב איך גענומען די דריי הונדערט דאלאר און ויצא יעקב.

עס איז געקומען זומער, איך בין געווען זייער מיד, האָב איך געטראַכט: איך וועל אַהיים פאָרן קיין פוילן. איך האָב געוואָלט זיך אויסרוען פאַר אַ ווייל און שפּעטער פאָרן, בין איך געפאָרן אין די בערג. עס האָט געקאָסט ניין דאָלאַר אַ וואָך; מען האָט געהאַט עסען פון בעסטען. צוויי פרויען האָבן געדונגען אַ הויז מיט עטליכע שטיבלעך, האָבן אליין געקאָכט און אליין סערווירט. זיי זענען געשטאַנען איבערן זומער און האָבן געמאַכט אַביסל געלט. זייענדיק אויף דער פאַרם, די „דאַטשע“, אַזוי־צו־זאָגן, האָב איך געמאַכט פאַרזאַמלונגען, אַמאָל אויך דעקלאַמירט. עס איז געווען היימליך; איך האָב געמאַכט פיל באַקאַנטשאַפט. עס האָט געטראָפן אַן אינצידענט: אַ פרוי פון די אייגענטימער האָט זיך פאַר־גלוסט טרינקען בראָנפן, אָבער אַנשטאָט בראָנפן, האָט זי גענומען וואָס מען נוצט נאָר פאַר ריייניקן, און זי איז געפאַלן חלשות; מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר. אַזוי ווי עס איז געווען אין אַ דאָרף, איז געווען שווער צו קריגן אַ דאָקטאָר. דערווייל איז געוואָרן פריילך. צייט האָב איך געהאַט, האָב איך באַשריבן דעם אינצידענט אויף אַ הומאָריסטישן וועג. אין צווייטן אָוונט האָב איך עס גע־לייענט. מען האָט מיר אַפּלאָדירט און קאָמפּלימענטירט; זיי האָבן געדענקט, אַז איך בין אַ שרייבער און איך וועל עס באַשרייבן אין אַ צייטונג און עס וועט מעגליך זיי שטערן אין זייער געשעפט, האָבן זיי מיך געבעטן איך זאָל עס ניט טוען. איך בין געוואָרן פּאָפּולער אין דעם דאָרף. איך האָב געשריבן בייטאָג און געלייענט אין די אָוונטן. די יונגע מענטשן האָבן געזוכט מיט מיר זיך צו באַקאַנען, אָבער די קענטשאַפט ווערט גלייך פאַרלוירן ווען מען קומט אַ היים. איך האָב בכלל ניט געזוכט קיין קיין באַקאַנטשאַפט; מיין געדאַנק איז געווען פאָרן אַ היים אין פוילן, אָבער באַלד, אין יענער צייט, האָבן זיך געהערט קלאַנגען וועגן אַ מלחמה און אין געציילטע טעג, אין יאָר 1914, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. איך האָב געהאַט אַ היים געשיקט געלד צו מיינע עלטערן אין פוילן, נאָר עס איז צוריק געקומען.

יעצט האָב איך געדאַרפט אָנהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין מיין לעבן: קיין באַשעפטיגונג האָב איך ניט געהאַט, איך האָב געהאַט פיל באַקאַנטע, אָבער קיינער האָט מיר ניט געקענט העלפן. איך בין אַרומגעגאַנגען און געטראַכט,

וואָס זאָל איך טוען? איך בין אַרויפגעגאַנגען צו דעם בעל הבית, וואו איך האָב אַמאָל געאַרבעט און האָב אים דערציילט מיין לאַגע. ער האָט פיל ניט געטראַכט און געזאָגט איך זאָל זיך גלייך זעצן צו דער אַרבעט און ניט אַרומגיין און טראַכטן. און אַזוי האָב איך געטאָן און איך האָב זיך באַרואיקט. אָבער מען לאָזט ניט לעבן. מען איז צו מיר געקומען מיט אַ שידוך; עס איז געווען פון דער פאַמיליע, וואָס זענען געווען מיט מיר צוזאַמען אויף דעם פאַרם: זיי האָבן אַ שיין מיידעל און די מיידל וועט מיך זען. איך האָב עס אָפּגעלייגט ביז סיכות. צו דער צייט בין איך ארויסגעפאָרן קיין האַבאַקען. קיין פרעמדער בין איך ניט געווען, איך האָב זיי געקענט און זיי האָבן מיך געקענט, באַר די מיידל האָב איך ניט געקענט, אויך זי האָט מיך ניט געזען. עס איז געווען אַ גרויסע פאַמיליע; זיי האָבן צוגעגרייט אַ גרויס מאָלצייט לכבוד יום טוב, מען האָט געמאַכט אַ גרויסן טיש פאַר דער פאַמיליע, מען האָט דערלאַנגט ביר צו טרינקען, האָב איך געזאָגט, אז איך טרינק ניט און רויכער ניט. גלייך נאָכן עסן האָבן זיי זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן און איך שפּיל ניט; איך האָב זיך ניט אריינגעפּאַסט אין זייער געזעלשאַפט; וואָס זיי האָבן געטראַכט וועגן מיר, ווייס איך ניט, — איך בין געגאַנגען מיין וועג. איך האָב גערעד מיט דער מיידל עטליכע מינוט און בין אַ היים געפאָרן. איך האָב ניט געזוכט קיין פאַרבינדונגען, איך האָב געטראַכט, אז אַ קריג איז ניט קיין אייביקייט, ווען עס וועט זיך ענדיקן דער קריג, וועל איך אַ היים פאָרן. איך האָב געוואָלט זיין פריי . . . איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פיינעם קלוב, דאָס איז געווען דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור און קונסט געזעלשאַפט”, זער אַ פיינע און אינטעליגענטע גרופּע. איך האָב זיי ניט פאַרגעסן, איך באַגעגן נאָך אַמאָל איינעם פון זיי און מיר פילן זיך נאָך ווי אינטימע חברים. איך האָב באַמערקט אין אַ צייטונג, אַז אונדזער חבר ביאַלין גיט ארויס אַ בוך, האָב איך גלייך געשריבן און ער האָט עס מיר געשיקט. ניט לאַנג צוריק בין איך געווען אין ניו יאָרק און האָב טעלעפאָניש גערעד מיט מיין פריינט בנימן גרינבלאַט, מיר האָבן זיך לאַנג ניט געזען, אָבער מיר האָבן געפילט ווי גוטע חברים. אויך מיט די שומאַנסקיס, מיינע גוטע חברים, זעען מיר זיך צייטענווייז. ערשט ניט לאַנג צוריק האָב איך אין לאָס אַנגעלעס געטראָפן איינעם פון יענער גרופּע — ראָזענטאַל. איך האָב אים דערקאָנט. עס איז געווען אַ פיינע גרופּע חברים; עס בענקט זיך נאָך זיי אַלע.

דער ברעזשינער קלוב האָט אין יענער צייט אַראַנזשירט אַ קאָנצערט און אַ טאַנץ. דער פּראָפיט איז געווען פאַר די מלחמה ליידענדע אין אונדזער שטאָט ברעזשין. פיל פון מיינע חברים זענען געקומען מיטהעלפן מיינע לאַנדסלייט פון דער אַלטער היים. עס איז געווען אין דריטן אַפּריל, 1915, שבת חול המועד פסח. עס איז געווען אַ שרעקליכער פראָסט און אַ שניי־זאַווערוכע; פיל מענטשן זענען ניט געקומען, עס האָט אויסגעזען, אַז גאָט איז ניט געווען צו פרידן מיר זאָלן זיי ארויסהעלפן; מיר האָבן געהאַט הונדערט דאָלאַר פּראָפיט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע געלט פאַר דעם צוועק. אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך גערופן אַ קאָנפערענץ פון ברעזשינער לאַנדסלייט און מיר האָבן געגרינדעט אַ „ברעזשינער הילפס קאָמיטעט” און מיר האָבן אַראַנזשירט אַ באַל אין „סטייוויסאַנט קאַסינאַ” אין 1916. דאָס איז געווען דער ערשטער באַל פון אַלע ברעזשינער פאַר די ברעזשינער אין פוילן. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ זעלטענעם פיינעם אָוונט; עס איז געווען פון אַלעם גוטען: עסן, טרינקען און טאַנצן ביז אין דער פרי. ערשט אין דער פרי איז די קאָמיטע ארויס געגאַנגען און געהאַט אַ פיינעם אָנבייסן צוזאַמען. מיר האָבן געהאַט פיר הונדערט דאָלאַר פּראָפיט; מיר האָבן עס גלייך אַוועק געשיקט קיין ברעזשין. אין יענע צייט זיינען דאָרט געווען די דייטשן; עס איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר אַן אָרימע קיך, וואָס די דייטשן

האָבן אויפגעהאַלטן.

אין אַפּריל 1916, אין די ערב פּסחדיקע טעג, האָבן די פאַבריקאַנטן פון די מאַנטעל מאַכערס אויסגעשלאָסן די אַרבעטער. ווען מען האָט אויסגעצאָלט די אַרבעטער זייער געהאַלט, איז געלעגן אַ בריוועל מיטגעטיילט, אַז מען דאַרף די אַרבעטער ניט, אויב מען וועט זיי דאַרפן, וועט מען זיי לאָזן וויסן. די יוניאָן, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די אַרבעטער, האָט געענטפערט מיט אַ סטרייק־רוף קעגן די מאַנופעקטשורערס. איך האָב געהאַט אַ פּריינט אין אָהאיאָ סטעיט, ניט ווייט פון קליוולאַנד, בין איך געפאָרן אין קליוולאַנד. איך האָב געאַרבעט און געהאַלטן אַן אויג זען וואָס מען מאַכט דאָרט, אויב עס איז ניט קיין ניו יאָרקער אַרבעט. דאָרט, אין קליוולאַנד, איז געווען אַ יוניאָן, אָבער ניט אַנערקענט ביי די מאַנופעקטשורערס. איך האָב געשריבן אין ניו יאָרק וואָס פאַר אַרבעט מען מאַכט אין קליוולאַנד; מען איז געקומען פון ניו יאָרק און די ארבעט אָפּגע־שטעלט..

אין קענטאָן, אָהאיאָ, האָבן די אידישע אַרבעטער געמאַכט אַ פּיק־ניק צו העלפן די ניו יאָרקער אַרבעטער סטרייקערס. עס איז געווען אַן אַדוואָקאַט וואָס האָט געוואָלט ריידן אין ענגליש ביי דעם פּיק־ניק. מיין פריינט, טרעגער, האָט מיר געשריבן, אויב מעגליך, זאָל איך קומען אין קענטאָן; ווען איך בין געקומען אין קענטאָן, האָט דער אַדוואָקאַט מיך געבעטן איך זאָל איבערגעבן די הויפּט פונקטן פון דעם סטרייק און ער האָט עס איבערגעגעבן צו די וואָס זענען געווען אין פּאַרק פאַרזאַמעלט. נאָך אים האָב איך באריכות דערציילט ווי עס האָט אויסגעזען מיט זעקס יאָר צוריק פאַר דעם אלגעמיינעם סטרייק אין יאָר 1910. דער עולם איז געווען זייער צופרידן מיט מיינע דערקלערונגן, ווייל פיל פון זיי זענען געווען גוט באַקאַנטע, זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. איך האָב אויך דערציילט ווי אַזוי די מאַנופאַקטשורערס האָבן אויסגעשלאָסן די אַרבעטער כמעט ערב פּסח, און די מערסטע ארבעטער זענען געווען אידן.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט מען מיר געוויזן אַ אידישע צייטונג; עס איז געווען דערמאנט מיין נאָמען און באַשריבן וואָס איך האָב גערעדט אין קענטאָן ביי דעם פּיקניק. מען האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז אויב איך וויל אַרבעטן אין קליוולאַנד, זאָל איך זיך ניט מישן אין דער יוניאָן. צו דעם ווינטער סעזאָן האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון ניו יאָרק איך זאָל צוריק קומען אַרבעטן אין דעם שאָפּ וואָס איך האָב געאַרבעט. און ווידער בין איך אין ניו יאָרק, וואו איך האָב אָנגעפירט די הילפס אַרבעט פאַר איראָפּא.

אַזוי לאַנג ווי די מלחמה איז געווען אין אייראָפּא האָט עס מיט אונדז פיל ניט געהאַט צו טאָן: עס איז אַ קריג אין אויסלאַנד. דייטשלאַנד איז געשטאַנען אויף דער וואַך, געהיטן אַז אַמעריקע זאָל ניט שיקן אַמוניציע אין די לענדער מיט וועמען זי איז אין קריג. זיי האָבן זיך פאָרט פאַרטשעפּעט און געזינקען אַן אַמעריקאַנער שיף; אַזוי איז אַמעריקע געוואָרן שטאַרק אומרואיק, עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען מיט דייטשלאַנד.. יעדענפאַל האָט מען ניט גערעכנט אַז עס וועט קומען צו אַ קריג. פּרעזידענט ווילסאָן און דער שטאַט סעקרעטאַר זענען געווען ליבעראַלן, האָט מען געדענקט, אַז זיי וועלן אויסמיידן אַ קריג. אין אַ קורצע צייט האָט געדאַרפט זיין וואַלן אין אַמעריקא, האָט פּרעזידענט וויל־סאָן, אין אַ רעדע געזאָגט, אַז אַ שטימע פאַר ווילסאָן איז אַ שטימע פאַר פרידן. אַזוי האָב איך שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט פאַר ווילסאָנען. מיינע חברים זענען גע־ווען קעגען; זייער דערקלערונג איז געווען: עס איז ניט דער קאַנדידאַט, נאָר די פּאַרטיי, וואָס שטעלט אַרויס דעם פּראָגראַם. ער איז דערוועילט געוואָרן דאָס צווייטע מאָל. גאָר אין אַ קורצע צייט האָט ער דערקלערט קריג צו דייטש־לאַנד. איך בין שטאַרק ענטוישט געוואָרן. ער איז דערוועילט געוואָרן אויף

אַ פּרידליכן פּראָגראַם און דערקלערט קריג. די ליבעראַלע צייטונגען זענען געווען קעגען קריג. ווען אַ לאַנד איז אין קריג און אויב ווער עס איז קעגען קריג, מיינט עס פאַרראַט, מען האָט געקענט שטאַרק באַשטראָפט ווערן. איך האָב געפילט ווי נעמען מיינע בירגער פאַפּירן און שיקן זיי צוריק קיין וואַשינגטאָן. אַן אַדוואָקאַט האָט געראַטן דאָס ניט צו טוען. איך האָב זיך דערמאַנט, אַז איך האָב געלייענט י. ל. פּרץ'ס „דער משוגענער בטלן”, ווי ער פרעגט, ווער בין איך? און איך פרעג, וואו בין איך? אין דעם פרייען אַמעריקאַ, אָדער אין דעם פאַרשאָלטענעם צאַרסקע רוסלאַנד? עס איז געווען שווער אַריבער צו טראָגן, וואָס אַ פּרעזידענט פון אַ גרויסן רעפּובליק זאָל ניט אָנפרעגןביים פאָלק, נאָר נעמען אויף אייגענע פאַראַנטוואָרטליכקייט אַזאַ ריזיקאַלישן שריט. וואָס זאָלן שוין אַנדערע, וואָס זענען ניט קיין ליבעראַלן טוען? מיינע פריינט זענען געקומען צו מיר און אָנגעוויזן וויפיל מען קען גלויבן אַ פּאָליטיקער. מען קען זיי נישט גלויבן, ווייל זיי שטייען הינטער אַ פּאַרטיי דיסציפּלין.

עס איז געווען אַ פּראָטעסט פאַרזאַמלונג קעגען דער מלחמה דערקלערונג אין קופּער יוניאָן זאַל. עס איז געקומען וויליאַם דזשענינגס ברייאַן, דער שטאַטסעקרעטאַר. ער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט; ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס דער פּרעזידענט האָט דאָס געטאָן. ווען ער האָט גערעדט, האָט מען געקענט פילן אַז ער רעדט מיט האַרץ. ער האָט גערופן פּרעזידענט ווילסאָן — מיין פריינט ווילסאָן. אַזוי האָט אויך רבבי מאַגנעס אָנגעפירט שטאַרקע פּראָטעסטן, אין די צייטונג דער „פאָרווערטס' האָט שטאַרק פּראָטעסטירט. אַלע פּראָטעסטן זענען געווען קול במדבר, אַ מלחמה איז ניט קיין קינדער שפּיל, עס איז אַ גרויס לאַנד, מען קען עס ניט ענדערן און אַלעמען צופרידן שטעלן. די קאַפּיטאַליסטן, כאָטש זיי זענען אַ מינאָריטעט אין פאָלק, זענען זיי דאָך שטאַרקער, ווייל זייער געלט איז אַ מאַיאָריטעט און זיי פירן אויס זייער פּראָגראַם. אַמעריקאַ האָט ניט געהאַט קיין גרויסע אַרמיי, עס איז געוואָרן פאַבריצירט איבער נאַכט און זי געשיקט אויף יענער זייט ים.

אין לאַנד האָט אַלעס אָנגעהויבן ווערן טייער; פיל אַרטיקלען, וואָס זענען טעגליך נויטיק געווען, האָבן אויסגעפעלט, ספּעציאַל די אַרטיקלען וואָס האָבן באַדאַרפט אריינקומען פון אַנדערע לענדער, ווי קאַווע און באַנאַנעס; עס האָט אויסגעפעלט פאַרבען וואָס פלעגט קומען פון דייטשלאַנד. אויך וואָלענע סחורות האָט גלייך געפעלט. און לעדער פאַר שיך, דאָס האָט די רעגירונג צוגענומען פאַר דער אַרמיי. עס זענען אַוועק די יונגע לייט; די מיידלעך זענען געוואָרן טרויעריג; מען האָט צוגענומען זייערע פריינט, זייערע געליבטע, אַנדערע זענען שוין געווען פאַרהייראַט. פאַר די פאַרהייראטע איז געווען אַן אומגליק. אויך פאַר די וואָס זענען ערשט פון אייראָפּאַ געקומען, זיי האָבן געפילט זייער שלעכט: קיין בריף איז ניט אָנגעקומען און קיין בריף איז ניט ארויסגעגאַנגען. דער קריג איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן מזרח, דאָרט איז געווען די שלאַכט, און מיר האָבן געהאַט פינסטערע נעכט, עס האָט אויסגעזען ווי דער קריג איז אַן אייביקייט, מיר וועלן דאַרפן זיך צוגעוואוינען צו דעם לעבן. מען האָט מיר געמאַכט שוועריקייטן צו ארבעטן אין דער הילפס קאָמיטעט. די ברעזשינער סאָסייעטי האָט פאַרלאַנגט איך זאָל אריינגיין אין דער סאָסייעטי און פון דאָרט אָנפירן די אַרבעט מיט זייער מיטהילף. איך האָב עס צייטווייליק אָפּגעלייקט; איך האָב זיך באַטראַכט, אַז זיי וועלן גאָר נישט טאָן; זיי וועלן מיר נאָר שטערן; עס וועט פילייכט זיין לייכטער פאַר מיר מיט מער מענטשן אָנצופירן די אַרבעט; עס איז פאָרט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע. ווען איך האָב שוין באַשלאָסן אריינצוגיין אין דער סאָסייעטי, איז אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיר געוואָלט מאַכן שוועריקייטן, אָבער דאָס איז זיי שוין ניט געלונגען. איך בין אריין אין דער סאָסייעטי,

געוואָרן אַ מיטגליד דאָרט. אין דער צייט פון דער מלחמה איז געווען שווער צו אַרבעטן אין אָרגאַניזאַציעס; מען האָט געהיטן עס זאָל ניט זיין קעגען געדאַנקען פון אַמעריקאַ, איך מיין איינפאַך — שפּיאָנעריי. מען האָט צוגענומען עטליכע ברעזשינער, מעקס בענקעל און משה יאָסל פּאַזנאַנסקי פאַר סאָלדאַטן, פאַר זיי האָט מען געמאַכט אַ ספּעציעלן געזעגענונגס אָוונט; מען האָט זיי באַלד אַוועק געשיקט איבערן ים. איך האָב באַמערקט זייער אומבאַהאָלפנקייט; אַנ־שטאָט צו ריידן צו די סאָלדאַטן און ווינטשען זיי, אַז זיי זאָלן אַ היים קומען געזונטערהייט, האָבן זיי געגעבן דאָס וואָרט צו די סאָלדאַטן און די יונגע־לייט האָבן זיך צעוויינט און ניט געקאָנט ריידן. עס האָט גערעדט אַ רעוורענט און דער פּרעזידענט. ווען איך האָב געבעטן אַ וואָרט, האָט מען מיך אָפּגעלייגט, איך בין געווען דער לעצטער, ווייל איך בין געווען צו יונג; איך האָב דערקלערט ווי שלעכט עס איז די מלחמה פאַר אידן, עס קען נאָך אויסקומען אַ זון מיט אַ פאָטער זאָלן דאַרפן קעמפן איינער קעגן אַנדערן, ווי למשל, די אַמעריקאַנער האָבן געקעמפט קעגן די עסטרייכער און דייטשן ווען איך בין געקומען פון עסטרייך, יעצט בין איך אין אַמעריקא און דאַרף קעמפן קעגען עסטרייך; איך האָב געקענט טרעפן אַ ברודער, אַפילו אַ פעטער, און דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שרעקליכע טראַגעדיע. צום סוף האָב איך געלערנט מיט זיי פּרשה כי תצא למלחמה, — זיי זאָלן זיך אויפפירן אַנשטענדיק ווי אידן און אַמעריקאַנער. איך האָב זיך געווענדעט דירעקט צו די סאָלדאַטן: וויינט ניט, איר וועט בשלום קומען צוריק אַ היים, — די זיגער פאַר גערעכטיקייט. דער וועג איז אַ געפער־ליכער, אָבער מען מוז גיין פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז נאָר איינער איז אַ היים געקומען אַ לעבעדיקער.

מיין פּראָגראַם אין דער סאָסייעטי איז געווען: — מען מוז מאָדערניזירן ניט מיט אַ רעוואָלוציע, נאָר עוואָלוציע, איינציקווייז. איך האָב אריינגעבראַכט עטליכע פרייגט אין דער סאָסייעטי און מיר האָבן פּראָבירט זי אויסבעסערן. דאָס ערשטע איז געווען אַ פּאַסיר־וואָרט. ווען מען האָט געוואָלט אריינקומען ווען דער מיטינג איז שוין געווען אָפּען, האָט מען אַנגעקלאַפּט אין טיר; מען האָט געפרעגט ווער דאָס איז; מען האָט געדאַרפט זאָגן אַ פּאַסיר־וואָרט; אויב איינער האָט פאַרגעסן, האָט מען אים ניט געדאַרפט אריינלאָזן, כאָטש מען האָט אים גוט געקענט. איז דאָס ריכטיק? איז דען די אָרגאַניזאַציע געבויעט אויף סודות? עס איז געווען נאַרישקייט און געשפּילט זיך קינדיש; זיי האָבן גע־דענקט מיט דעם זענען זיי גרויס. עס איז אייגענע היימישע מענטשן, איינער קען דעם צווייטן, אַזוי האָב איך געקרוגן אנהענגער פאַר אַ פרייע אָרגאַניזאַציע. אַמאָל האָב איך דאָס געטאָן אין אַ געלעכטער און ביסלעכווייז זענען די קינדערשע צערעמאָניעס פאַרגעסן געוואָרן. איך וויל עפּעס פאַרצייכענען, וואָס עס איז פאַר־געקומען ביי אַ מיטינג: אַ מיטגליד איז געשטאַנען און גערעדט, דער פּרעזידענט האָט זיך ניט צוגעהערט און האָט איבערגעפרעגט דעם רעדנער: „וואָס זאָגן זיי?" איינער פון אונדזערע האָט זיך אַנגערופן: „עס איז ניט קיין זי, עס איז אַן ער, עס איז אַ מאַן, ניט קיין פרוי". אייניקע האָבן געלאַכט און די עלטערע האָט עס פאַרדראָסן. אַזוי האָט מען גערעדט ביי די פאַרזאַמלונגען, אָבער ניט אין פּריוואַטן לעבן, זיי האָבן געדענקט, אַז זיי ריידן דייטש. עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט און דער דייטש איז אויסגעמעקט געוואָרן, ימח שמו. מען רעדט אידיש יעצט, אָבער מען זוכט מיט ענגליש ארויסטרייבן דעם אידיש . . . ווען די סאָסייעטי האָט באַשטימט צו האָבן אַ באַל, האָט מען עס מיר איבערגעגעבן, ווייל וואָס איך האָב אינטערגענומען, האָב איך דורכגעפירט פּונקטליך; וואָס עס איז גע־מאַכט געוואָרן, האָט מען אָפּגעגעבן אַ פּונקטלידן און ערליכן באַריכט ווי פיל איז געווען אויסגאַבן און אַזוי פיל איז אריינגעקומען, און דאָס איז דער פּראָפיט.

דאָס איז געווען דער ערשטער באַל אין האַרלעם.

די וועלט זאָגט: ערליך איז שווערליך, — איך זאָג: ערליכקייט איז איי־ביקייט. נאָך דעם באַריכט האָבן זיי באַשטימט מיר צו געבן אַ מתנה. מען האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל. מיין פאַרלאַנג איז געווען אַ סעט ביכער פון שלום עליכם. מען האָט עס מיר געגעבן מיט פיל דאַנקבאַרקייט, ווייל עס איז ווערט געווען. איך האָב זיך ווייניק געמישט אין דער סאָסייעטי פּאָליטיק. מען האָט מיך דערוועלט צו אַן אָברעכענונג, מען האָט באַדאַרפט דורכקוקן די ביכער און איבערעכענען אויב אַלעס איז ריכטיק, אויב אַלע האָבן באַצאָלט די שטייערן, אויב דאָס געלט איז אריין אין דער סאָסייעטיס קאַסע, וויפיל אויסגאָבן עס איז געווען און פאַרוואָס. דאָס האָט געדאַרפט זיין דער באַריכט. אַמאָל איז דאָס געווען אַ יום טוב אין דער סאָסייעטי. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון צען ביז פופצען מענטשן; די באַאַמטע און די לעבען־די־באַאַמטע. גערעכנט האָבן נאָר דריי, און נאָך דעם רעכענונג איז געווען אַ באַנקעט, אָבער אונטער אַן אַנדער נאָמען. עס האָט געקאָסט אַמאָל פונעף־אין־צוואַנציק דאָלאַר און אויך מער. איך האָב פאַרלאַנגט, אַז די סאָסייעטי זאָל באַשטימען נאָר פינף דאָלאַר פאַר אַן אָברעכענונג. צוויי מענטשן וואָס קאָנען רעכענען, דער סעקרעטאַר, קאַסירער און אויך דער וויצע־פּרעזידענט, — דאָס זאָל זיין די גאַנצע קאָמיסיע. ניט אַלע זענען געווען צופרידן, אָבער זיי האָבן געשוויגן. זייער געוואוינהייט איז געווען מאַכן הולאַנקעס, האָט מען עס אָפּגעשטעלט. דאָס איז ניט געווען דאָס אייציקע וואָס די נייע מיטגלידער האָבן זיי געשטערט. איך האָב געפילט אז איך געהער צו אַן אָרגאַניזאַציע פאַר געגענזייטיקע הילף, צו העלפן מענטשן וואָס נויטיקן זיך, אָבער אויף קיין פאַל ניט אויסנוצן די סאָסייעטי פאַר אייגענע צוועקן. איך געהער צו דער סאָסייעטי אַריבער פערציק יאָר; איך האָב נאָך ניט גענומען קראַנקען בענעפיט, ווייל איך פיל, אַז איך וויל העלפן אַנדערע, אָבער ניט פאַר זיך. עס איז מעגליך ריכטיק, אז אין יענער צייט איז געווען פופציק פּראָצענט בעזגראַמאָטנע, אָבער זיי זענען געווען ערליך. זיי האָבן זיך פיל מאָל געשראָקן פאַר אַ מענטש מיט אַ ביסעלע בילדונג, זיי האָבן געפילט, אַז מען באַהאַנדעלט זיי ניט אָרענטליך, דער אינסטינקט האָט זיי געזאָגט אַזוי, זיי האָבן זיך ניט געקענט העלפן.

די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן; מיר זענען באַגרעניצט געווען אין פאַרשידענע שפייזן, ווי פלייש, צוקער, קליידער און שיך. די רעגירונג האָט עס געדאַרפט פאַר דער אַרמיי. זייער שווער איז געווען וואָס מיר האָבן ניט געקענט וויסן פון אונדזער אַלטער היים און פון אונדזערע פאַמיליעס. אויך זיי האָבן פון אונדז ניט געהערט, מען האָט ניט געוואוסט ווער עס לעבט און ווער ניט. יעדער טאָג איז געווען אַ יאָר לאַנג; שוין אַריבער פיר יאָר ווי עס בושעוועט די שרעקליכע מלחמה און מען ווייסט ניט ווען וועט שוין נעמען אַ סוף.

ערשט אין סוף פון 1918 האָט זיך דער קריג געענדיקט.

די שמחה, די פרייד אין יענער צייט בין איך ניט אומשטאַנד צו שיל־דערען. אַזעלכעס האָט נאָך קיינער ניט געזען. פרעמדע מענטשען, גייענדיג אין די גאַסען, האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, געקושט און געטאַנצט פאַר עטלי־כע טעג נאָך אַנאַנד. נאָך פיר יאָר פינסטערניש, — מיט אַמאָל האָט די זון אויפגעשיינט אַזוי ליכטיק און וואַרים; די פרייד איז געווען פאַר אַלעמען גלייך, — קיין אונטערשיד פון רעליגיע, נאַציע, אָדער קאָליר. אָבער ווער ווייס וואָס פאַר אַ נייעס מיר דערוואַרטן מאָרגן? מיר טראַכטן: איז ביי זיי דאָרט אין איראָפּאַ אויך יום טוב? מיר דערוואַרטן דעם בריף־טרעגער יעדן טאָג, מיר זענען שטאַרק נייגעריק צו הערן פון איראָפּאַ פון די עלטערן, פון די קינדער און דער גאַנצער משפחה און אויך פון פריינד. עס האָט אָנגעהויבן קומען

בריף אז מען דאַרף הילף. איך האָב דערהאַלטן אַ בריף פון מיין פּאַטער און צום סוף רעכענט עס אויס גריסן פון אַלע קינדער כסדר לויט די יאָרן. איך האָב איבערגעלייענט דעם בריף עטליכע מאָל, עס פעלט מיר אַ שוועסטער. איך האָב דערציילט עטליכע פון מיינע פריינט, קיינער האָט מיט ניט געוואָלט זאָגן ביז איך האָב געפונען אַ פריינט, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז מיין שוועסטער חנה איז נאָך געשטאָרבן אין יאָר 1912. מען האָט מיר ניט געשריבן און די, וואָס האָבן געוואוסט, האָבן ניט געוואָלט זאָגן, ווער ווייסט וואָס עס וועט ווייטער קומען.

מיר האָבן זיך געגרייט צו זאַמלען געלט, אויב מען וועט נאָר קענען דאָס געלט גלייך שיקן אין אייראָפּאַ. ביי אונדז אין דער סאָסייעטי איז געווען אַ רייכער מאַן וועלכער האָט זיך געגרייט אַ היים צו פאָרן אין פּוילן צו זיין מוטער, שוועסטער און ברודער. ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער וועט מיטנעמען געלט פון יעדן איינעם איבערצוגעבן אין ברעזשין פריי — קיין אַפּצאָל. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ געלעגנהייט; מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און געלאָזט וויסן וועגן דעם. מיר האָבן געלייענט, ווען איינער האָט געהערט אַז אַ פּאַטער אָדער אַן אנדער אין זיין משפחה לעבט, האָט ער געגעבן עטליכע דאָלאַר. אַזוי האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן עטליכע הונדערט דאָלאַר. די מענטשן וועלכע האָבן געשיקט געלט האָבן דורך דעם געהאַט אַ מעגליכקייט צו קריגן בריף און אויסגעפינען אַז מען לעבט און מען איז געזונט. עס איז געוואָרן אַ ביסל לעבעדיק און פריילך, מען האָט אַראַנזשירט אַ באַל אין וועבסטער האָל אין יאָר 1919, עס זענען געקומען אַריבער טויזענט מענטשן; מיר האָבן געמאַכט עטליכע הונדערט דאלאר פּראָפיט. עס איז געקומען בריף פון ברעזשין אומ־צופרידענע מיט די ווערטער: שיקט אונדז אַן אַרבעטער דעלעגאַט. מיר האָבן געזוכט אַ קאַנדידאַט וועלכער קען אָבגעבן צייט; עס דאַרף אויך קאָסטן אַביסל געלט, די סאָסייעטי האָט געגעבן שיפס קאַרטן. אַזוי ווי עס האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן צו פאָרן, האָב איך עס אָנגענומען, ווייל איך האָב געוואָלט פאָרן אַ היים. די אָרגאַניזאַציע האָט מיר געגעבן דריי הונדערט דאלאר, אומגעפער, פאַר די שיפס קאַרטן, אָבער די אַנדערע אויסגאַבן האָב איך געדאַרפט אליין דעקן. איך בין געווען דער אָפיציעלער שליח פון די ברעזשינער אין אַמעריקאַ. איך בין געווען פאַראַנטוואָרטליך מיט דער אַרבעט צו דער ברעזשינער סאָסייעטי אין ניו יאָרק. ווען איך וועל קומען צוריק האָב איך געדאַרפט באַריכטן צו דער אָרגאַניזאַציע. דעם 22־טן יוני, 1920, האָב איך פאַרלאָזט אַמעריקאַ; איך האָב געהאַט מיט זיך אַן ערך צען טויזענט דאלאר פרעמד געלד פאַר וועלכן איך האָב פאַרזיכערט עס איבערגעבן צו די מענטשן וואָס איז געווען פאַרשריבן אין מיין בוך. די פאַראַנטוואָרטליכקייט איז ביי מיר ניט געווען שווער, עס איז ביי מיר געווען הייליק, איך מוז דאָס דורכפירן. אין יענער צייט האָט פּאַסירט אַן אומ־גליק: מען האָט געהאַרגעט דאָקטאָר פרידלאַנדער אין וואַרשע; ער איז געפאָרן פון אַמעריקאַ קיין אייראָפּאַ; עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקע ווירקונג, אָבער יעדער טראַכט: עס וועט ביי מיר ניט טרעפן. עס איז פאַראַן אַ פּסוק אין העברעאיש: „די וואָס טוען אַ שליחות מצוה ווערן ניט געשטרויכלט״. איך בין בשלום אָנגעקומען אין פּאַריז; איך האָב באַגעגענט פיל ברעזשינער אין פּאַריז, זיי זענען געקומען אין האָטעל מיך זען. פאָרענדיק אויף דער שיף „לעפּאַלדינע״ האָבן מיר זיך געטראָפן אכט דעלעגאַטן, וואָס האָבן באַדאַרפט פאָרן קיין וואַרשע. פון דאָרט האָבן מיר זיך באַדאַרפט שיידן און פאָרן יעדער אין זיין היים־שטאָט. עס איז געווען זייער שווער צו קריגן באַן בילעטן פון פּאַריז קיין וואַרשע; איך האָב געטראַכט, אַז מיין לאַנדסמאַן, דער גביר וואָס איז לעצטן יאָר געווען אין פּוילן, איז אין פּאַריז, ער האָט דאָרט געהאַט אַ פאַב־ריק, און וועט מיר קענען העלפן קריגן בילעטן, ניט נאָר פאַר מיר, מאָר אויך

פאַר אַלע אַכט דעלעגאַטן וואָס פאָרן קיין פוילן. מיר, די דעלעגאַטן, האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז מיר זאָלן פאָרן קיין וואַרשא; מיר האָבן געקראָגן בילעטן דורך די אַמעריקאַנער סאָלדאטן; עס האָט גענומען עטליכע טעג. איך האָב געטראָפן צוויי ברידערהאוזער, זיי האָבן געהאַט אַ ברודער אין ניו יאָרק, ער איז געווען מיינער אַ פריינט; זיי האָבן געהאַט שיפס קאַרטן נאָר ניט קיין וויזא צו פאָרן. עס איז געווען דער פירטער יולי, עס איז אַן אַמעריקאַנער יום־טוב, האָבן מיר זיך אַמעריקאַנער באַגריסט. מען האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ מאַן וואָס רעד ענגליש און ער קען קריגן אַ וויזא פאַר די צוויי ברידער. איך האָב מיט אים גערעד און ער האָט מיר צוגעזאָגט פאר זיי צו קריגן די וויזא. איך האָב אים דערלאַנגט אַ פראַנצויזיש פאַפירל. זיי האָבן געקראָגן די וויזאַ.

עס זענען געווען ברעזשינער וואָס האָבן געשיקט מיט מיר געלט, אויך זאַכן און בריף קיין ברעזשין צו זייערע פאַמיליע; איך האָב עס גענומען מיט פערגעניגן איבערצוגעבן. איך האָב געשיקט אַ טעלעגראַמע צו מיינע עלטערן, אַז איך וועל אַ היים קומען אויף שבת קיין ברעזשין; ווען די באַן האָט זיך אָפגעשטעלט אין טשענסטכאָוו, האָב איך זיך געזעגנט מיט די דעלעגאַטן. דאָנערשטיק אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט האָט זיך די באַן אַפגעשטעלט אין קאַלושיק. איך בין אַרויס אויף דער פלאַטפאָרם, איך האָב ניט געוואוסט וואו צו גיין, איך האָב באַמערקט אַז פיל מענטשן גייען אויף דער הויכער בריק בין איך אויך געגאַנגען אויף דער הויכער בריק; מען האָט מיך געזען פון וויטנס, האָט אַ פורמאַן געזאָגט: אָט גייט שרה׳ס זון. ער איז גלייך צוגעקומען און גענומען מיין וואַליסקע, אַוועקגעלייקט אויף זיין פור און האָט מיך געהייסן זיצן. איך האָב אים געבעטן ער זאָל קיינעם ניט מיטנעמען, איך וויל פאָרן אליין, האָט ער מיר געפרעגט אויב איך וועל אים געבן צוויי אַמעריקאַנער דאלארן, איך האָב אים צוגעזאָגט, ער איז אָבער אַ פורמאַן, עס איז אַ שאָד, נאָך אַ גילדען פון אַ פאַרשוין. עס איז געזעסן אַ אינגעל פון אַיאָר צוועלף. מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן. דער פורמאַן האָט מיך אויסגעפרעגט פאַרשידענע פראַגעס. עס זענען אָנגעלאָפן צוויי סאָלדאטן און האָבן זיך ארויפגעכאַפט אויף דעם וואָגען. האָט זיך דאָס אינגעל אָנגערופן צו מיר: אַמעריקאַנער, מען וועט אייך דאָ אָפהאַלטן! איך האָב גלייך זיך ניט געכאַפט וואָס עס מיינט „אָפהאַלטן", אָבער באַלד בין איך געקומען צו זיך און האָב אַרונטער גענומען מיין שטרויענעם הוט און דאָס אַמעריקאַנער פעינדעל פון דער קלאַפע און האָב געבעטן דעם פורמאַן ער זאָל צו מיר ניט ריידן, איך וועל אים ניט ענטפערן און האָב געבעטן ער זאָל פאָרן שנעל ביז ער וועט אָנטרעפן נאָך אַ פור. דערווייל האָב איך געציטערט, האָב ביי זיך געטראַכט, איך בין אַדורך די שיף און די גרעניצען, ווען איך בין שוין באַלד אין דער היים זאָל איך יעצט אריינפאַלן מיט אַזוי פיל פרעמדער געלד און מעגליך פאַרלירן אויך מיין לעבן? נאָר אַזוי ווי מיר האָבן אָנגעטראָפן נאָך אַ פור, איז מיר לייכטער געוואָרן. ווען מיר זענען אָנגעקומען הינטער דער שטאָט זענען די סאָלדאטן אַרונטער פון דער פור און איך האָב גלייך פריי אָבגעאַטעמט און באַלד בין איך אַ היים געקומען. אלע זענען געווען אין בית מדרש ביי מנחה און מעריב, אין אַ האַלבע שעה שפעטער בין איך געווען דער גאַסט ביי מיינע עלטערן אין ברעזשין.

עס איז געוואָרן פריילעך אין דער היים. ווען מיינע ברידער זענען געקומען האָב איך זיי געפרעגט פאַרוואָס זענען זיי ניט געקומען צום באַן מיך נעמען אַ היים? האָבן זיי געענטפערט, אַז דער טאַטע האָט געזאָגט אַז איך וועל קומען אום שבת. דאָס איז פאַרענטפערט, אַז דער טאַטע זאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט, פרייטיק אין דער פרי זענען פיל מענטשן געקומען נאָך בריף; איך האָב גערופן נעמען, אויב מען האָט געענטפערט, האָב איך דורכן פענצטער ארונטער געוואָרפן

דעם בריף. איך האָב געגעבן אַ שמש קאַרטלעך ער זאָל אַוועקטראָגן פאַר וועמען איך האָב געהאַט גרעסערע סומען געלט זיי זאָלן גלייך קומען. די גרויסע סומעס געלט האָב איך געקענט גלייך אויסצאָלן, די קליינע געלטער האָב איך ערשט געדאַרפט אויסטוישן פאַר קלענערע געלט. איין זאַך קען איך זיך ניט מוחל זיין: פאַר וואָס האָב איך ניט מיין מאַמען געגעבן באַלד פרייטיק געלד זי זאָל האָבן צו מאַכן שבת. איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין אַרבעט פאַר פרעמדע וואָס עס איז ביי מיר געווען דער עיקר, איך האָב עס ערשט דערפילט פרייטיק אויף דער נאַכט ביים טיש. ווען איך בין אריינגעקומען אין דער שטוב האָט מיין פאָטער מיך געפרעגט אַ שטעכעדיקע פראַגע, — וואו איך האָב מקבל שבת גע־ווען און האָט אליין געפרואווט צו ענטפערן: — אין גאַס? איך האָב געענטפערט, יאָ! מען מעג מקבל שבת זיין אין גאַס.

ביי דעם טיש און אַרום דעם טיש איז געווען זייער טונקעל. די קליינע ליכטעליך וואָס די מאַמע האָט געבענטשט זענען שוין לאַנג געווען אויסגעברענט, עס האָט נאָר געברענט אַ קליין לעמפּעל, עס איז ניט געווען ווי אַמאָל. די גרויסע בליך־לאָמפּ, די פינף גרויסע ליכט האָבן געברענט. דער פאָטער איז אַ היים געקומען פון שטיבעל אָנגעטאָן שבתדיק מיט אַ ברייטן שוואַרצן גאַרטל, און שפּאַצירט איבער דער שטוב און געזאָגט דעם שלום עליכם. היינט ביי אַ זייער קליין לעמפּעלע, ביי אַ טונקעלן טיש, ניט קיין חלות און ניט קיין וויין, נאָר אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט האָט מיין פאָטער ערשט זיך געוואַשן מיט די זעלבע ווערטער געמאַכט דעם קידוש. איך האָב געוואָלט עסן אַ שטיקל ברויט, עס איז געווען אונמעגליך, עס האָט זיך צוגעקלעפּט צו די ציין. איך גלויב, אז ווען די מאַמע וואָלט וועלן צוגרייטן אַ בעסערן שבת, וואָלט זי געפונען אַ וועג. איז עס געווען אַ שאַנדע צו פרעגן מיי מיר? אָדער צו שיקן אַ קינד צו מיר, אָדער גאָר באַרגען זיך אויף עטליכע טעג. מעגליך זי האָט געוואָלט איך זאָל זעען וואָס זיי עסן. ווען מיין ברודער אברהם איז אריינגעקומען, האָב איך אים געפרעגט צו ער האָט שוין אָפּגעגעסן, האָט ער מיר געענטפערט: וואָס מיר האָבן געהאַט האָבן מיר אויפגעגעסן. זונטיק אין דער פרי האָב איך דער מאַמען געגעבן הונדערט דאלאר און מיינע ברידער אברהם און יצחקן אויך צו הונדערט דאלאר יעדען, מיין ברודער משה האָב איך געגעבן פינף־און־צוואנציק־ דאלאר; ער איז נאָך ניט געווען פארהייראַט. איך בין געפאָרן קיין וואַרשא אויסבייטן די גרויסע געלט פאַר קלענערע אז איך זאָל קאָנען אויסצאָלן. איך בין אריין אין דער באַנק, אַ סאָלדאַט וואָס שטייט ביי דער טיר האָט מיך זייער וואָרים באַגריסט ווען ער האָט ביי מיר געזען מיין אַמעריקאַנער פעינדיל, אָבער ניט זייער אַנשטענדיק האָט ער באַגריסט מענטשן פון זיין אייגן לאַנד. פיל ערגער איז געווען דער באַגעגעניש אַרום דער באַן, מען האָט באַליידיקט און פיל מאָל געשלאָגן פאַר קיין פאַרברעכן, די איינציקע זינד — די קליידער וואָס האָבן געמאַכט אויסזען ווי אַ איד.

איך האָב געהאַט אן אַדרעס צו אַ לאַנדסמאַן אין פראַגע, איך האָב אים געדאַרפט איבערגעבן געלט וואָס זיין ברודער האָט אים געשיקט; איך בין אריינגעקומען צו אים ווען ער איז נאָך ניט געווען אין דער היים; איך האָב צו־געוואַרט ביז ער איז געקומען; ער איז געווען א מאַן אומגעפער אין מיינע יאָרן, אין די ערשטע דרייסיקער, ער האָט געוויינט מיט די ווערטער: — זיי האָבן מיך געשלאָגן. אַך, ווי שרעקליך ער האָט אויסגעזען! איך האָב אים זייער גוט געקענט, אַ שיינער יונגער מאַן און אַ גוטער טענצער, און דאָ זע איך אַ מענטש מיט צוויי שטעקענס אין זיינע הענט, שטאַרק איינגעבויגן ווי אַ מאַן פון זיבעציק יאָר. איך שרייב זיין נאָמען פישעל זוסהאַלץ, מען האָט אים גערופן פישעל סאָדע־וואַסער; ער האָט געהאַט אַ ברודער הענעך, זיין פאַמיליע האָט געמאַכט

סאַדע־וואסער. מען קען זיך דערמאָנען וואָס פאר א שיינער יונגער מאַן ער איז געווען. אהרן זעלין איז זיין פעטער וואָס די פּאָליאַקן האָבן פון אים געמאַכט! מיר האָבן פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט און האָבן מיט מיין ברודער געוואָלט גיין אין אַ האָטעל שלאָפן, אָבער ער האָט אויף קיין פאַל אונדז ניט געלאָזט אַוועק גיין; מיר זענען געשלאָפן אין זיין היים. ער האָט געזאָגט מעגליך, אַז מיר וועלן אויפשטיין, וועלן די באָלשעוויקעס שוין זיין אין וואַרשא. אין יענער צייט איז דער קריג געווען צווישן די פּאָליאַקן און די באָלשעוויקעס. אידן האָבן געדיינקט, אַז ווען די באָלשעוויקעס וועלן אריינקומען, וועט זיי זיין בעסער, זיי וועלן זיין די אויסלייזער פון זייערע צרות, וואָס זיי האָבן געליטן פון די פּאָליאַקן, אָבער זיי זענען ניט אריין אין ווארשא, זיי זענען געגאַנגען אויף צוריק.

עס איז מעגליך ווען אידן זאָלן גיין אָנגעטאָן מער אייראָפּעאיש, וואָלט אפשר זיי ניט געווען אַזוי שלעכט. ערשטענס, וואָלט מען ניט געוואוסט ווער איז ווער, און דער איד וואָלט געווען אַ ביסל מער חוצפּהדיק, געפּראָווט צוריק געבען אַ קלאַפּ, קען זיין אַז די אַנטיסעמיטן וואָלטן געהאַט אַ ביסל מער רעס־פּעקט פאַר אַ אידן. איך האָב געזען אין וואַרשא אַמעריקאַנער געשיקט פון „דזשוינט", זיי זענען געזעסן אין אַ רעסטאָראַציע און געגעסן; איך האָב געפרעגט וואָס פאַר אַ טראַמוויי איך זאָל נעמען ווען איך האָב געדאַרפט פאָרן אין אַ געוויסן געגענט, זיי האָבן ניט געוואָלט ענטפערן, אַרומפאָרן אים שבת אין קליינע שטעטליך! זיי זענען אריינגעקומען מיך זען, קינדער האָבן זיי אָנגעוויזן דאָ איז אַן אַמעריקאַנער, האָבן זיי געוואָלט איך זאָל מיט זיי מיטפאָרן. איך האָב זיך פאַרשעמט. מען האָט געשיקט יונגע מענטשן, זיי האָבן געוואָלט פארברענגען א גוטען טאָג אויף א חשבין־הקהל, דערפאַר איז מעגליך געווען אז איך האָב טעלעגראַפירט צו מיינע עלטערן אַז איך וועל אַ היים קומען אויף שבת, האָט מיין פאָטער געזאָגט אַז איך וועל קומען אום שבת אויב עס וועט מיר אויסקומען אַז איך זאָל אריינקומען אין מיין היים־שטאָט אים שבת, איז בעסער אַז איך זאָל פאָרן ביז וואַרשאַ און ערשט זונטיק אריינקומען אין מיין היים־שטאָט און זיי ניט פאַרשעמען. ווען איך בין אַ היים געקומען, האָב איך ארויסגעשיקט צעטע־לעך מען זאָל קומען ווייל איך וועל אויסצאָלן דאָס וואָס מען האָט געשיקט פאַר זיי. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אויסצאָלן האָט מען אַרויסגעשיקט אַ וויסענשאַפט מען זאָל קומען זיך פאַרשרייבן וויפיל עס באַשטייט זייער פאַמיליע, דאָס מיינט אַ מאַן מיט אַ פרוי און די קינדער. מען האָט אויסגעצאָלט לויט די קינדער וויפיל איינער האָט, אַלעס איז גערעכענט געוואָרן פאַר גלייכע מענטשן. לאָמיך דערקלערן ווי אַזוי עס איז געווען: למשל, ווען איך האָב געהאַט טויזענט דאלאר האָט מען אויסגערעכענט וויפיל מאַרקס מען קריגט פאַר די טויזענט דאלאר. לאָמיר זאָגן, אַז מען קריגט צוואָנציק טויזנט מאַרקס, האָט מען דאָ איינ־געטיילט פאַר די מענטשן וואָס זענען באַרעכטיקט געווען צו קריגן אויסגעצאָלט לויט דעם פאַרשטעעניש פון די קאָמיטעס וואָס האָבן פאַרטרעטן די שטאָט. זיי זענען געווען די וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אַלע פּאַרטייען אין שטאָט. דאָס געלט איז געשיקט געוואָרן פאַר די אָרימסטע וואָס האָבן קיינעם ניט געהאַט אין אַמעריקא וואָס זאָל זיי העלפן. די קאָמיטעט האָט באַשטימט אַ געוויסן טאָג ווען מען וועט אויסצאָלן. וויפיל זיי האָבן געזאָגט, אַזוי האָב איך אויסגעצאָלט. לעבן מיר איז געזעסן אַן עלטערער מאַן און ער האָט איבערגעציילט דאָס געלט עס זאָל קיין טעות ניט זיין. ס'איז אריינגעקומען אַ מאַן און האָט געפאָדערט געלט, האָט מען מיר איבערגעגעבן אַז ער דאַרף ניט ווייל ער קריגט געלט פון באָענאָס איירעס, ארגענטינא. ווען איך האָב אים ניט געוואָלט געבן קיין געלט איז ער אַרויף אויפן טיש מיט זיינע באָרוועסע פיס, איך האָב גענומען מיינע בי͏כער מיטן געלט און אַוועק א היים. אויף מאָרגן איז די קאָמיטע זיך צוזאַמענ־

געקומען און באַשלאָסן מען זאָל אים געבן זיין חלק. אין איין טאָג שפּעטער האָט מען געהערט אַז דער זעלבער האָט אויסגעטוישט אַ „טשעק" פאַר פיף־און־צוואַנציק דאלאר וואָס איז געקומען פון אַרגענטינע.

מען האָט מיר פון אַמעריקא געגעבן די מאַכט, אויב עס וועט זיין וויכטיק, מעג איך געבן ניט־אידן לאַ יחרץ געלט. איך האָב עס באַטראַכט פאַר ניט וויכטיק. איך האָב געזאָגט צו עטליכע יונגע לייט אַז אויב עס איז מעגליך זאָלן זיי גרינדען אַ קינדער היים פון 5 ביז 8 יאָר אַלט, האָט איינער געפרעגט: וואָס פאַר אַ שפּראַך, האָבן זיי געוואָלט אויף העברעאיש. איך האָב גלייך צוריק־געוויזן, ווייל דאָס ערשטע אידיש אין צווייטע איז די לאַנד שפּראַך, דריטענס, אין די העכערע קלאַסן העברעאיש האָבן זיי ניט געוואָלט, איז פון דעם פּלאַן געוואָרן גאָרנישט. אַ טאָג שפּעטער איז געקומען אַן אַנדערע קאָמיטע, זיי זענען געווען צופרידן איינצושטעלן אַ קינדער היים אויף דער אידישער שפּראַך. איך האָב זיי געגעבן געלד און איך וועל פּרואוון העלפן מען זאָל זיי שטיצן פון אַמעריקא. .

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער שטאָט, בין איך געפאָרן קיין לאָדזש. איך האָב ארויסגעשיקט קאַרטלעך אַז אויף אַ געוויסן טאָג זאָלן זיי קומען, איך וועל זיי אויסצאָלן וואָס מען האָט מיט מיר געשיקט פאַר זיי. איך האָב אויך געשיקט אַ קאַרטל צו אַ פריינדין, פאַלא עקשטיין. איך האָב אַלעמען אויסגעצאָלט. איך בין צוגעגאַנגען צו פאַלא עקשטיין און ווען זי האָט ביט געזען, האָב איך געעפענט איר בייטל, עס איז געלעגן עטליכע שטיקלאַך האַרט ברויט, ניט מער. אויף דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קינד, ווייניקער ווי אַ יאָר אַלט. עס האָט איר פאַרדראָסן וואָס איך האָב געעפענט דעם בייטל, זי האָט זיך פאַר־שעמט, כאָטש די וועלט זאָגט, אַז אָרים איז קיין שאַנד. איך האָב איר געוואָלט געבן געלט, אָבער זי האָט ניט געוואָלט נעמען. איך האָב איר שטאַרק געבעטן, אַז איך גיב עס פאַר דעם קינד ניט פאַר איר, אָבער זי האָט זיך אָבגעזאָגט צו נעמען. איך בין געווען ביי פּסח גרינשאַן אין הויז אויף שרעדניע גאַס, נומער דריי, אין לאָדזש, פּוילן. פאַלא האָט מיך געפרעגט ווען איך וועל פאָרן קיין ברעזשין, איך האָב איר געזאָגט אַז איך פאַר אין עטליכע טעג ארום, זי האָט געוואָלט מיט מיר פאָרן. פאַלא האָט פאַרלאַנגט איך זאָל איר מיט דעם קינד מיטנעמען קיין אַמעריקא; איך האָב קיין חוצפּע ניט געהאַט צו פרעגן וועמ איז דאָס קינד, איך האָב געטראַכט, מסתמא איז זי פאַרהייראַט און דער מאַן איז אין דער ארמיי. זאָל איך אַוועק נעמען אַ קינד פון דעם פאָטער און אַ פרוי פון איר מאַן? דאָס וועל איך ניט טאָן. איך בין געגאַנגען אַזוי ווייט ווי מיינע געדאַנקען האָבן מיך געפירט. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל זיי נעמען ביז די שיף, איך וועל טעלעגראַפירן נאָך אַ שיפס קאַרד קיין אַמעריקא און איך וועל וואַרטן ביז די שפס קאַרד וועט קומען און מיר וועלן צוזאַמען פאָרן קיין אַמעריקא. זי האָט עס ניט אָנגענומען. זי האָט שוין געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס מיט׳ן קינד גרייט צו פאָרן, נאָר קיין וויזא האָט זי ניט געהאַט און עס האָט זיך געענדיקט מיט גאָר נישט.

איך בין געפאָרן קיין וולאַצלאַוועק צו מיין פריינדס עלטערן. דורפאָרענ־דיק אויף דער באַן האָבן מיר זיך אָנגעזען מיט פאַרשידענע צרות וואָס מען האָט אָנגעטאָן אידן אין פּוילן. עס זענען פיל אידן ניט געפאָרן אויף דער באַן כאָטש אידן האַלטן פון דעם „ויסעו און ויחנו", אָבער זיי האָבן מורא געהאַט ווייל אויף דער באַן האָבן די פּאָליאַקן געשלאָגן אידן און פיל מאָל אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער ווען די באַן איז געלאָפן. איך בין אן אויגן עדות, — ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר עטליכע מינוט האָבן די, וואָס זענען געזעסן ביים פענסטער ארויסגעקוקט, ווען מען האָט זיי געפרעגט, וואָס איז דאָרט? — האָבן זיי געענט־

פערט: „זשע זשידאַמים שעזבאַוויום“, — זיי שפּילן זיך מיט אידן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגעקוקט און האָב געזען אַ איד טראָגן צוויי קייבערליך מיט קאַרשן, די קריסטן האָבן אַרויסגעוואָרפן די קאַרשן און דעם אידן געשלאָגן.

איך בין אָנגעקומען אין װלאַצלאַװעק און בין אַרײַנגעגאַנגען צו מײַן פרײַנדס עלטערן. עס איז געוואָרן אַ שמחה און אַ פרייד; איך האָב געבראַכט גרוסן פון זייער איינציקן זון און פון די אינגסטע טאָכטער, וועלכע זיי האָבן שוין לאַנג ניט געזען. איך האָב באַמערקט אין א ווינקל פון דער שטוב אַ לעבעדיקע גאַנז, עס איז געווען דאַנערשטיק אָוונט, זיי האָבן באַמערקט ווי איך קוק אין דער ריכטונג וואו די גאַנז איז געשטאַנען, האָט די פרוי צו מיר געזאָגט: יאַנקעלע, דאָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט אויף שבת. די פרוי איז אַרויס געגאַנגען איינקויפן אויף שבת פאַר איר גאַסט פון אַמעריקאַ, עס זאָל זיין אַ שיינער שבת, איך זאָל דערציילן די קינדער וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט לכבוד זייער פריינט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און די פרוי איז אַריינגעקומען, זי האָט געוויינט און געזאָגט צו מיר: יאַנקעלע, דו ווייסט אַ היים פאָרן צו דיין מאַמען, ווייל מען שלאָגט אידן אין וולאַצלאַוועק, איך האָב מורא מען זאָל דיך ניט שלאָגן, דו ווייסט גאַנץ גוט אז איך וויל זאָלסט זיין ביי מיר שבת, איך שרעק זיך אָבער, דיין מאַמע וועט ניט וויסן וואו דו ביזט. איך בין אַ היים געפאָרן צו די עלטערן אויף שבת . . . עס איז געווען „תשעה באב“, איך בין אַרויס מיט מיין ברודער און חברים אויפן גאַס, מיין מאַמע איז געזעסן אויף די קעסטלאַך מיט אַ מינין ווייבער אַרום און מען האָט געקלאָגט חורבן „בית מקדש“. די מאַמע האָט געלייענט דעם טייטש חומש, די טרויעריקע געשיכטעס וואו נבוכדנצר האָט אַרויסגעטריבן די אידן פון ירושלים. טרערן האָבן זיך געגאָסן טייכן ווייז פון אַלע פרויען וואָס זענען געזעסן אַרום דער מאַמען אויסהערענדיק וואָס עס האָט פּאַסירט מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק . . .

אַ פריינט מיינער וואָס איז אַמאָל געווען אין אַמעריקאַ האָט מיך איינגעלאַדען פאַר אַן אָנבייסען. מיר האָבן פאַרבראַכט עטליכע שעה און מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס. מיין מוטער האָט מיך געזוכט פון וויטן און האָט מיך גערופן און געפרעגט וואו איך בין געווען, האָב איך געפרעגט, וואָס איז? האָט זי מיר געזאָגט איך זאָל גיין א היים עסן, האָב איך געזאָגט, אַז עס איז תשעה באָב. האָט מיין מאַמע געזאָגט אַז די אַמעריקאַנער פאַסטן ניט, דאָס איז אַ מאַמע, איך וואָלט ניט געקענט זיצן ביי אַ טיש עסן ווען מיין פאָטער זאָל זען, ביי אַמאַמע איז אַ קינד גערעכט.

מיט אַמאָל גייט מיין שוועסטער רחל און עפענט מיין וואַליסקע, זי האָט געזען אַ זיידן העמד, זי האָט גערופן די מאַמע, כמעט מיט א געשריי: מאַמע, זע נאָר, זיידענע העמדער; איך האָב זיך פאַרשעמט, עס איז געווען נאָר איין העמד, אַ מתנה פון אַ מיידל, זי האָט עס מיר געמאַכט צו מיין אַוועק פאָרן קיין פוילן. איך האָב דאָס העמד מער קיינמאָל ניט געטראָגן, איך האָב זיך פאַרשעמט.

מיר האָבן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג, עס איז געקומען דער רב פון שטאָט, רב זלמן באָרענשטיין, ער האָט מיך באַגריסט און האָט געבענטשט אַלע ברעזשינער אין אַמעריקאַ מיט זייער פיר ברכית פאַר זייער גוטע אַרבעט וואָס זיי טוען פאַר זייערע געוועזענע פריינט פון זייער שטאָט. איך האָב איבערגעגעבן גרוסן פון אַלע ברעזשינער אין אַמעריקאַ און געזאָגט נאָך וואָס איך בין געקומען. מיר האָבן פיל בריף דערהאַלטן פון ברעזשין בעטענדיק הילף. אַמעריקע איז רייך, אָבער נימ אַלע וואָס זענען אין אַמעריקאַ זענען רייך, איבערהויפּט אונדזערע ברעזשינער, דער גרעסטער טייל זענען אַרבעטער, ווי איר ווייסט, זענען מיר שניידער פון פאַך, אַרבעטענדיק ביי יענעם, עס איז ניטאָ קיין רייכע שניידער,

ווערט ער רייך, ווערט ער אויס שניידער. ווי עס זעט מיר אויס גלויבן אַלע אייראָפּעיר אַז אַלע מענטשן אין אַמעריקאַ זענען רייך, אַזוי ווי קריסטן זאָגן, אַז אַלע אידן זענען רייך. מען האָט געפרעגט ביי מיר וואָס איך טו? ווען איך האָב געזאָגט אַז איך ארבעט, האָבן זיי מיך באַטראַכט ווי אַ ליגנער, וואָס איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען און וועל ניט זיין. מיר פאַרדינען מער ווי אין ברעזשין. אין די בעסטע צייטן, אַפילו אין די זומער מאָנאַטן ווען מיר האָבן געאַרבעט פון זעקס אַ זייגער אין דער פרי ביז ניין אַ זייגער אין אָווענט און אויך מער, און אויך ווינטער פון אַכט ביז צוועלף ביי נאַכט, עס זענען געווען שניידערס וואָס האָבן געמאַכט פיל מער שטונדן אין יענער צייט, אַ חוץ דאָנערשטאָק פון אַכט אַזייגער ביז פרייטיק ארום דריי נאָך מיטיק; ווען אַ שניידער האָט געצאָלט פופציק רובעל אַ יאָר דירה געלט האָט מען עס געצאָלט פאַר איין חודש. איך נעם מיט וואָס איך האָב געזען אַ חוץ דאָס עקאָנאָמישע לעבן וואָס איז נידעריקער ווי גראָז איז דאָס אידישע לעבן שרעקליך דעמאָראַליזירט, איך האָב געהאָט צו ענטפערן אויף פיל פראַגעס. עס איז געווען זייער שווער זייערע פאַרלאַנגען נאָכצוקומען. זיי האָבן געוואָלט מען זאָל שיקן יעדע גרופּע באַזונדער הילף וואָס איז געווען אונמעגליך. מיר דענקען אַז מיר קאָנען נאָר העלפן די אָרימסטע די סאַמע בויטיקסטע, די וואָס האָבן ניט קיינעם אין אַמעריקאַ מען זאָל העלפן זיי .מיר באַלאַנגען ניט צו אַ פּאַרטיי אָדער אַנדערע גרופּעס, מיר האָבן ניט אַזוי פיל געלט, איך האָב געבראַכט אַ קליינע מתנה, אין עטליכע טעג ארום וועט איר פאַרגעסן אַז איך בין דאָ געווען און די קליינע מתנה האָט געקאָסט גענוג וואָס מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן אַפילו איינמאָל אין אַ יאָר. איך וועל עס איבער געבען אין אַמעריקאַ צו די ברעזשינער, זאָלן זיי זיך אריינטראַכטן וואָס מען קאָן טאָן פאַר אייך. איך האָב פאַרענדיקט כמעט מיט אַ שבועה, איך האָב אויפגעהויבן מיין רעכטע האַנט און געזאָגט: הרימות את ידי לאל כל חי אים אשכחיך ברעזשין תשכך ימיני. איך האָב זיך געזעגנט מיט אַלעמען און גע־זאָגט אַז לאָמיר האָפן אַז איר וועט אונדזער הילף מער ניט באַדאַרפן..

איך האָב דערהאַלטן אַ בריף פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול איך זאָל גלייך קומען קיין וואַרשאַ. מיר, אַמעריקאַנער, פאָרן ארויס קיין דאַנציק. איך האָב געטראַכט איך קען פאָרן דורך קאַליש קיין דייטשלאַנד. איך האָב באַדאַרפט האָבן אַ וויזע קיין דייטשלאַנד. ווען איך בין אין עטליכע טעג געפאָרן קיין וואַר־שאַ האָב איך שוין דעם אַמעריקאַנעם קאָנסול ניט געטראָפן, מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך ווענדען קיין לאָדזש צום שפּאַנישן קאָנסול. איך בין גלייך געפאָרן צום שפּאַנישן קאָנסול קיין לאָדזש. איך האָב געבעטן אַ וויזאַ קיין דייטשלאַנד ווייל איך האָב אַ ברודער אין דייטשלאַנד און איך וויל אים זען. ער וויל מיר געבן אַ וויזאַ אויף 24 שטונדן, ווען איך האָב אים געבעטן, אַז איך קען עס ניט מאַכן אין אַזאַ קורצער צייט, האָט ער מיר געגעבן אויף 48 שעה און איך בין אַ היים געפאָרן. מיין מוטער בעט מיך איך זאָל צוריק פאָרן קיין אַמעריקאַ, זי שרעקט זיך פאַר די באָלשעוויקעס; אויב זיי וועלן אריינקומען קיין פּוילן, וועלן זיי ביי מיר צונעמען דאָס געלט און איך וועל ניט קאָנען צוריק פאָרן קיין אַמעריקאַ. אויף מאָרגן פרי בין איך געקומען עסן אָנבייסן, איך האָב געזעען ווי די מאַמע האָט געוויינט, האָב איך געפרעגט, וואָס איז? זי האָט געדענקט אַז איך בין אַנטלאָפן ביי נאַכט. פאַר וואָס זאָל איך אַנטלויפן? איך בין קיינעם גאָר ניט שולדיק, איך דאַרף ניט לויפן. איך האָב געטראַכט ווי צייטן בייטן זיך; ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין אַמעריקאַ האָבן מיינע עלטערן ניט געוואָלט ליידן, יעצט בעט מען מיך איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקאַ, איך בין געפאָרן קיין בערלין. מיין יונגסטער ברו־דער, יוסף, דער יונגסטער זון אין דער היים ווי יוסף ביי יעקב'ן, האָב איך

שוין לאַנג ניט געזעען. איך האָב אים שוין מיט אַ צייט פריער געוואָלט נעמען קיין אַמעריקאַ, נאָר די פאַמיליע איז געווען שטאַרק קעגן דעם. ער האָט גע־האַט אַ גוטן קאָפּ צו לערנען. ער האָט געדאַווענט, ווען ער איז נאָך קיין פיר יאָר ניט אַלט געווען. איך בין געקומען אין ניי קעלן, דאָרט איז געווען מיין ברודער יוסף. איך בין געוואָרן אַ ביסל ענטוישט אין דעם פּלאַץ וואו איך האָב געזען מיין ברודער. איך בין געשלאָפן אין בערלין, ווען איך בין אויפ־געשטאַנען האָב איך געבעטן פרישטיק, איך האָב געוואָלט קאַווע, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן קאַווע אָבער קיין מילך און קיין צוקער, זיי האָבן מיר געוואָלט געבן ביר. זיי האָבן מיך געשיקט אין אַן אַנדערן געגענד וואו איך וועל פיליכט קריגן קאַפּע מיט מילך און ציקער. אויף דעם אַנדערן פּלאַץ איז שוין אַלעס געווען, איך גלויב עס איז געווען אויף קייזער ווילהעלם שטראַ־סע, מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ מאָלצייט פון דעם בעסטן וואָס עס האָט נאָר געקענט זיין.

איך בין געגאַנגען צו דעם אַמעריקאַנעם קאָמיטעט, קיין קאָנסולאט איז נאָך ניט געווען אין בערלין, מען האָט מיך געפרעגט וואָס איך וויל, האָב איך זיי געזאָגט, איך האָב אַ ברודער דאָ אין בערלין און איך וויל אים מיטנעמען קיין אַמעריקאַ. איז ער אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן? — האָבן זיי מיך געפרעגט, איך האָב געענטפערט, ניין. האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי קאָנען גאָר נישט טאָן פאַר מיר. זיי האָבן געעפנט די טיר איך זאָל אריינגיין אין זייער קאַנצעלאַריע און האָבן מיר געפרעגט אויב איך דאַרף געלט, אויב עס פעלט מיר אויס וועלן זיי מיר געבן. מיט מיין ברודער האָבן זיי גאָר ניט וואָס צו טאָן. איך האָב זיי באַדאַנקט און בין אַוועק, איך מוז אַ היים פאָרן, ווייל איך קען גאָר ניט טאָן. פון בערלין בין איך געפאָרן קיין ראָטערדאַם. דאָרט זענען געווען צוויי מיידלעך, זיי האָבן געהאַט אַ ברודער אין אַמעריקאַ, זיי ווילן פאָרן צו אים. מען האָט זיי ניט געלאָזט פאָרן ווייל זיי זענען געווען בעזגראַמאָטנע, איך האָב געבעטן פאַר זיי, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. איך האָב געפונען אַ לערער און האָב אים באַצאָלט ער זאָל זיי אויסלערנען לייענען אידיש וואָס איז ניט שווער. זיי זאָלן האָבן אַ מעגליכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקאַ צו זייער ברודער. עס האָט גענומען צוויי וואָכן און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען אידיש. איך בין אַ היים געפאָרן פריער, די מיידלעך זענען געקומען מיט עטליכע טעג שפּעטער אין אַמעריקאַ. פאָרענדיק אויף דער שיף, עס איז געווען עטליכע טעג פאַר ראָש השנה, זענען געקומען עטליכע אידן צו מיר, זיי ווילן האָבן אַ מנין אויף דער שיף; איך בין געגאַנגען צו דעם קאַפּיטאַן און האָב אים געבעטן אַ שטוב צו דאַווענען ווייל עס איז אַ יום טוב; איך האָב אים געזאָגט, אַז ערב יום טוב אין אָווענט פאַר מעריב נאָר איין שעה, און אויף מאָרגן פרי ארום ניין אזייגער, ביז עלף. דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעדרוקט אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז אין דער צייט וועט זיין אַ גאָטעס דינסט און מען זאָל ניט שטערן. איך האָב גע־דאַווענט דעם ערשטן מעריב.

איך האָב זיך באַקענט מיט פיל מענטשן אויף דער שיף, גענומען אדרעסן און געגעבן אַדרעסן ניט נאָר אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט. דעם אַנדערן טאָג ראָש השנה בין איך ארונטער פון דער שיף, פריינט האָבן מיך אָפּגעוואָרט, איך האָב עס ניט דערוואַרט. דאָס זענען געווען מיינע לאַנג־יאָריקע פריינט פון נוארק, ניו דזשוירזי. איך בין מיט זיי אַ היים געפאָרן, געווען דאָרט איבער נאַכט. אויף מאָרגן בין איך געפאָרן אין ניו יאָרק. עס איז גוט צו זיין אין דער היים — ווען מען האָט אַ היים. עס פילט זיך זייער גוט ווען מען פאָרט אַוועק, אָבער מען פילט בעסער ווען מען קומט צוריק. איך דערמאָן זיך נאָך אַ גרויסן יום טוב ווען מיין פאָטער האָט געמאַכט אַ הבדלה, ער האָט

אויסגעטאָן די יום טוב׳דיקע קליידער און איז געבליבן שטיין אַ ווייל און גע־טראַכט וואָס ער זאָל אָנהויבן צו טוען. אַזוי איז עס מיט מיר געווען. עס איז געווען אַ לאַנגער יום טוב, און וואָס יעצט? דאָס ערשטע דאַרף איך לאָזן וויסן מיין פריינדין אַז איך בין צוריק אַ לעבעדיקער; עס האָט גענומען עטליכע טעג; איך האָב געזען באַקאַנטע און פריינט, אַלע זענען געווען צופרידן מיט מיין האַנדלונג; איך האָב איבערגעגעבן דאָס וואָס מען האָט מיר געגעבן. עס איז געקומען בריף שיקענדיק מיר גרוסן און דאַנבארקייט. איך האָב דערוואַרט מען זאָל מיך רופן און איבער געבן אַ באַריכט ווי עס איז מיר געגאַנגען, ווי עס האָט אויסגעזען מיין וועג און ווי זעט אויס דאָס לעבן דאָרט, און וואָס דאַרף מען ווייטער טוען וועגן הילף, אָבער מען האָט געשוויגן; עס וואָלט געווען צו פיל כבוד פאר מיר מען זאָל הערן דעם באַריכט, זיי האָבן שוין געהערט פון די בריף און אונדירעקט וואָס מען האָט געהערט. ווען איך זאָל זיין ניט ערליך, דאמאָלס וואָלט געווען אַ געשעפט, אָבער אַזוי געהאַנדלט ווי אַ נאַר, איז עס ניט וויכטיק. עס האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס זיי זענען ניט געפאָרן, זיי האָבן פאַרגעסן אַז ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז געווען אַ גביר, עס איז ניט געקומען אַזעלכע בריף. עס איז געקומען בריף אַז מען זאָל שיקן אַן ארבעטער דעלעגאַט, אַלעס אַזעלכער בין איך געפאָרן. נישט איך האָב געקרוגן דעם כבוד, נאָר מיין האַנדלונג; ניט דער מענטש, נאָר דער טאַט . . . איך בין געווען אַוועק דריי חדשים, איך האָב ניט געאַרבעט, עס האָט מיך געקאָסט עטליכע הונדערט דאלאר, איך האָב עס געקענט טוען ווייל איך בין ניט געווען פארהייראט און ווייל עס איז ניט געווען קיין אַנדערער, איך האָב עס ניט פאַרכאַפּט. ווי עס זעט אויס איז ערליכקייט אויך אַמאָל אַ פעלער, אַזוי האָט עס אויסגעזען. אַנ־שטאַט מיר זיין דאַנקבאַר וואָס איך האָב אַלעס אדורכגעפירט אין בעסטן וועג, האָט מען מיך איגנאָרירט. דער סעקרעטאַר פון יענער צייט האָט מיר עס אי־בערגעגעבן אַז די מענטשן פון אייראָפּא האָבן שוין איבערגעגעבן פאַר מיר. עס האָט צו מיר אַן אייגענער געזאָגט: פארוואָס בין איך ניט געפאָרן? עס האָט געברענט די אייפערזוכט, זיי האָבן ניט געזען, אַז עס איז ניט דער מענטש, נאָר זיין האַנדלונג. עס זיינען אין יענער צייט געווען פיל אַמעריקאַנער וועלכע האָבן ניט אויסגעצאָלט אין אַמעריקאַנער געלט ווי איך האָב עס געטאָן, זיי האָבן געזוכט צו מאַכן געלט.

איך בין געוואָרן אַ פאַמיליע מאַן. מיין פרוי האָט געארבעט. פאַר מיר איז געווען שווער צו קריגן אַרבעט. מען האָט זיך איינציקווייז איינגעשטעלט אַ ניט־רייכע היים, מיר האָבן געקויפט בענקלעך עס זאָל זיין פאר געסט און פריינט. מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט פריינט, עס איז געווען היימליך. ווען עס איז געקומען אַ אינגעלע, האָט מען אים גערופן מאניש, נאָך מיין פרוי׳ס פאָטער, דאָס איז געווען אין יאָר 1921. מיר האָבן געוואוינט אין די בראָנקס, ניט ווייט פון בראָנקס פאַרק; מיר האָבן שפּאַצירט מיט אַ וועגעלע צווישן ביימער און בלומען. דער אינגעל איז געווען שטיל און רואיק.

די אימיגראַציע אין יענער צייט איז געווען גרויס, ספּעציעל פון פוילן. עס זענען אָנגעקומען פיל משפחות פון אונדזער שטעטל ברעזשין. איך האָב גע־גרינדעט אַ ברעזשינער קולטור קלוב; עס זענען געקומען יונגע מיידלעך און יונגע־לייט; עס איז געווען לעקציעס פון אידישע שרייבער, ווי ש. ניגער און פּרץ הירשביין און אויך אַנדערע. מיר האָבן געמאַכט ליטעראַרישע אָוונטן, אַמאָל מיט אייגענע קרעפטן; מיר האָבן געלייענט, דעקלאַמירט און געזינגען, אַלעס פון אייגענעם קלוב. מיר האָבן געהאַט אַ באַנקעט אין יאָר 1923; איך קען עס ניט פאַרגעסן. עס זענען געקומען די עלטערע מענטשן פון די ברע־

זשינער סאָסייעטי, זיי האָבן געהאַט רעספּעקט ווען זיי האָבן געזען די נייע יונגע מענטשן פאַרברענגען אויף אַ פיינעם וועג, מיט אינטעליגענץ, ביז עס זענען געקומען די „פּראַקטישע" מענטשן און צעבראָכן, זיי האָבן אַ ברענטש פון אַר־בעטער רינג אָדער אַ סאָסייעטי; יונגע מענטשן דאַרפן זיין פריי, ניט ווי איינ־געבינדען אַזוי ווי אַ בוך. בעסער זיין פריי אין אַ גאָרטן צווישןביימער און בלומען, דאָס איז אַ קלוב, א פרייע אָרגאַניזאַציע, מען האַנדעלט ניט מיט קברים און עס קאָסט ניט פיל. אין אַ געוויסן זין איז עס אויך מיין שולד, איך בין געווען זיכער עס וועט צעפאַלן ווערן ווי די בלעטער אין הערבסט; די פּראַק־טישע האָבן אָנגעפירט פּראָפּאַגאַנדע, האָב איך זיך צוריק געצויגן, מיינע הענט און געוויסן זאָלן זיין ריין. מען האָט מיר אינדירעקט געענטפערט: אויב איינער וועט זיך צוריקציען, וועט מען אויך עקזיסטירן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אַפילו צום קלאָב ניט באַלאַנגט. דאָס איז געווען שלמה המלכ'ס משפט, די פרוי וואָס האָט געהאַט דאָס לעבעדיקע קינד האָט ניט געוואָלט מען זאָל עס צושניידן, זאָל מען עס אַוועקגעבן און עס זאָל בלייבן לעבן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַלעס איז אונטערגעגאַנגען ווי עס וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

עס זענען געווען פיל יונגע לייט און מיידלעך, ערשט אָנגעקומענע, זיי האָבן נייטיק באַדאַרפט אַ קלוב ווי עס קאָסט ניט פיל און מען פאַרברענגט צווישן אַזעלכע, וואָס מען קען און די שפּראַך איז די אייגענע און מען לערנט אויך עטוואָס. איך האָב געהאַט מיין אייגן לעבן.

עס איז געקומען משל חזן פון ברעזשין. ער האָט אָפּגעאַרבעט 32 יאָר אין ברעזשין. ער האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, איז ער געקומען קיין אַמעריקא; ער איז געקומען אין דער סאָסייעטי; זיי האָבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן; דער עם רב האָט געזאָגט: זאָל ער גיין אַרבעטען. ביי וואָס זאָל אַרבעטן האָבן זיי ניט געוואוסט. איך האָב געקענט משהל חזן ווען ער האָט פאַרענדיקט ראש השנה דאָס דאַווענען און איז צוגעגאַנגען צום רב און גע־זאָגט גוט יום טוב, האָב איך געזען דעם כהן גדול וואָס איז געווען אין בית מקדש, ער האָט אויסגעזען ווי א גענעראַל וואָס איז א היים געקומען פון אַ מלחמה וואָס האָט געזיגט, האָב איך געבעטן אַ וואָרט און האָב פאַרגעלייגט מיר זאָלן דינגען אַ פלאַץ וואו מען קען דאַווענען ראָש השנה און יום כפור און אונדזער חזן וועט דאַווענען. איך האָב געאַרבעט שווער מיט אַ קאָמיטע. מען האָט געמאַכט קאַרגע צוויי טויזנט דאָלאַר, האָט אונדזער חזן געדענקט ער וועט זיין אין אַמעריקא א יאָר און וועט דאַווענען נאָך איינמאָל און וועט א היים פאָרן מיט א ביסל געלט. איך האָב ניט געקענט דאָס מאָל אוועק געבן אַזוי פיל צייט און די קאָמיטע האָט געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט, אָבער זיי זענען ניט געווען פאַר־אינטערעסירט עס זאָל זיין אַזוי ווי עס איז געווען מיט א יאָר פריער, האָבן זיי גאָרניט געמאַכט און געאַרבעט אומזיסט. איך האָב געאַרבעט פאַר דעם חזן, איך בין געווען ערנסט און ערליך, מען האָט געמאַכט די צוויי טויזנט דאָלאַר און איך האָב געדענקט אז ער וועט גלייך א היים פאָרן, ניט זיין אין אַמעריקע א יאָר צייט מיט פאַרשידענע אומבאַקוועמליכקייטן פאַר אַזאַ מענטש וואָס איז זייער פרום און אָבגעהיטן.

ביי מיר איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, מען האָט איר גערופן רחל, נאָך דער באָבע, מיין פאָטערס מוטער. וויפיל לעגענדעס עס איז געווען אויסגעפלאָכטן אַרום איר! . . .

איך האָב געליטן פון אַ געזונטע קרענק פאַליפּן אין דער נאָז, איך האָב גע־האַט אַן אָפּעראַציע און בין געווען אין אַ שפּיטאָל איבער אַ נאַכט, מען האָט צו־געלייגט אייז אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פרי איז לעבן מיר געלעגן אַ מאַן, ער האָט געבעטן די קראַנקען שוועסטער זי זאָל אים אויסשמירן, אָדער מאַסאַזשירן,

ער האָט שטאַרק געקרעכצט, מן הסתם פון ווייטיקן, האָט די קראַנקען שוועסטער געזאָגט זי ליידעט ניט קיין פּאַציענטן אַריבער צוואַנציק יאָר. ווען עס איז געווען די צייט ווען די נוירסיס בייטען זיך, — איך גלויב עס איז געווען ארום זיבן אזייגער אין דער פרי, — איז געקומען אַן אַנדערע נוירס און האָט פּאַר אים געטאָן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. עטליכע מינוט שפּעטער האָט דער מענטש אָנ־געהויבן זינגען. ווען מיין דאָקטאָר איז געקומען מיך ארויסנעמען, האָב איך אים דערציילט און אַז איך וויל רעפּאָרטן וואָס זי האָט געזאָגט, זי פּאַסט זיך ניט צו זיין אין אַ שפּיטאָל, זי דאַרף זיין אין א טאַנץ־האָל, האָט דער דאָקטאָר ניט געלאָזט, ווייל זי וועט פאַרלירן איך פּלאַץ אין שפּיטאָל.

אין יאָר 1929 האָט מען געקענט קריגן אַרבעט נאָר פּאַר צוויי דאלאר אַ טאָג; די דאָקטוירים האָבן מיר געהייסן פאָרן אין אריזאָנא אין אַ טריקענעם און וואַרימען קלימאַט; ווי האָב איך שוין געקענט טראַכטן וועגן אַזעלכע פּרי־ווילעגיעס? מיין אינגעל האָט געלערנט אין די אידישע אומפּאַרטייאישע שולן, דער אמת איז געווען — אַ קאָמוניסטישע פאַבריק; זיי האָבן געלערנט פיינט האָבן די עלטערן ווייל זיי זענען בורזשואַקעס. איך האָב געוואוינט ניט ווייט פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניע, לעבן בראָנקס פּאַרק. אין די אָווענטן זענען מיר ארויס געגאַנגען האָט מען געהערט דיסקוסיעס צווישן לינקע און רעכטע. מיר האָבן אויך באַמערקט ווי עס מישט זיך אויס די ראסן קאָלירן, ווייסע מיידלעך מיט טונקעל הויטיקע לייט און פאַרקערט, צו ווייזן דער וועלט אַז זיי מאַכן ניט קיין אונטערשיד. נאַטירליך, זענען די מערסטע געווען יונגע מענטשן, פול מיט לעבן, פירענדיק די וועגעליך מיט די קינדער אין גאָרטן . . . מען האָט גערעט אַמייסטן אידיש, דאָ האָבן זיי געוויזן, אַז זיי זענען פאָלקס מענטש . . .

אין דער צייט האָבן מיר געהערט אַז עס איז געווען אַ פּאָגראָם אין פּאַ־לעסטינא, די קאָמוניסטן האָבן אָנגעפירט די פּראָפּאַגאַנדע פאַר די אַראַבער קעגען די אידן, עס איז געוואָרן אַ פראַגע וועגן די „אומפּאַרטייאישע" שולן וואָס אונדזערע קינדער לערנען דאָרט. מיר האָבן באַשלאָסן ארויסנעמען אונדזערע קינדער פון דער קאָמוניסטישע פאַבריק. וואָס וועלען מיר טוען מיט די קינדער ווען מיר ווילן זיי זאָלן לערנען אידישע געשיכטע? קינדער דאַרפן וויסן זייער אָפּשטאַם. מיר זענען געגאַנגען צו דעם ציוניסטישן פאַרבאַנד שולן, זיי ווילן לערנען העברעאיש. מיר זענען ניט געווען באַגייסטערט דער פאַר. איך האָב געהאַט אַ פריינט טעטיק אין די שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, איך בין גע־גאַנגען דאָרט זיך אָנפרעגן אויב מיר קאָנען האָבן אַ שולע אין אונדזער געגענד, זיי האָבן דיסקוטירט די פראַגע און דער סעקרעטאר האָט געזאָגט, ניין, ווייל זיי האָבן אַן אָפּמאַך מען זאָל ניט גיין אין וועג וואָס קען שטערן זייערע שולן. מיט אַ צייט שפּעטער בין איך געגאַנגען נאָך אַמאָל צו דעם אינסטיטוט און געבעטן אפשר איז פאַראן א וועג מיר זאָלן האָבן אַ שולע אין אונדזער געגענט. זיי האָבן ווידער אמאָל דיסקוטירט און מען האָט מיך געהייסן גיין א היים, מען וועט מיר לאָזן וויסן. אין עטליכע טעג שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אז איך זאָל צוזאַמען קלייבן אַן עלטערן־גרופּע און מיר זאָלן שאַפן דריי הונדערט דאלאר וועט מען פאַר אונדז עפענען אַ שולע. עס האָט גענומען עטליכע וואָכן, מיר האָבן געהאַט אַן עלטערן גרופּע מיט דריי הונדערט דאלאר. זענען מיר ארומגעגאַנגען זוכן אַ דירה וועלכע זאָל זיין פּאַסענט פאַר אַ שולע; די פאַרוואַל־טונג האָט געהאַט די זיצונגען ביי מיר אין הויז, עס איז געוואָרן פריילעכער, מען האָט געלערנט א ליטעראַרישן אידיש, מען קען זאָגן, אויף אַ סאָציאַליסטישן וועג . . .

איך בין אַמאָל אריינגעקומען אין די שולע און האָב געזען ווי די לערערין זינגט מיט די קינדער אָן א פּיאַנאָ. מיר זענען אין אמעריקא, אויב מען האָט ניט

קיין פּיאַנאָ, זאָל מען ניט זינגען ביז מיר וועלן קריגן אַ פּיאַנאָ. אין יענער צייט האָבן פיל מענטשן געוואָלט אָוועקגעבן אַ פּיאַנאָ אומזיסט, זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּלאַץ אין די קליינע שטיבעלעך . . . איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער שלום עליכם אינסטיטוט, מען האָט מיך באַשטימט אין דער לערער קאָמיסיע. איך האָב זיך אינטערעסירט און געוואָלט זיין אַקטיוו, עס איז געווען שווער פאַר מיר, זייענדיק אַן ארבעטער איז געווען אונמעגליך, די לערער פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געענדיקט שפּעט ביי נאַכט און איך האָב באַדאַרפט זיין אין דער פרי ביי מיין ארבעט. איך האָב ניט געקענט אויספירן מיין ארבעט האָט מען מיך באַפרייט. עס איז געווען אַ שלעכטע צייט אין אָנהויב 1930. איך האָב געקראָגן אַרבעט אין אַ קליין שטעטל פאַר וויניק געלט, האָב איך שוין אין די שול אַרבעט ניט געקענט זיין. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צו דער אַרבעט, האָט מען שטילערהייד דיסקוטירט אויב איך בין א איד; מיין ארבעט איז געווען צו מאַכן פּעריס פאַר שניידן דאַמען קליידער. אַ פרוי האָט מיך געפרעגט אויב איך וועל פאַר איר מאַכן אַ מאַנטעל, האָב איך איר געזאָגט, אַז יאָ! אַ צווייטע פרוי האָט געפרעגט וויפיל איך וועל רעכענען פאַר אַ מאַנטעל מאַכן, האָב איך געזאָגט, ווען מען אַרבעט אין איין שאַפּ, רעכענט מען ניט פאַר מאַכן עפּעס פאַר איינעם וואָס ארבעט אין דעם זעלבן שאַפּ. האָט אַ פרוי געזאָגט צו דער צווייטער, זעסט! איך האָב דיר געזאָגט אַז ער איז ניט קיין איד. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס איך האָב געזאָגט אַז איך וועל ניט נעמען קיין געלט. אויך די באַלעבאָסטע האָט גענומען אַנטייל אין דעם געשפּרעך און זי האָט געפרעגט אויב איך האָב געזען אַ איד אַן אָרימאַן, און אויב א איד איז געשטאַנען אין א רייע, געוואָרט מען זאָל אים געבן אַ שטיקל ברויט. מיין ענטפער איז געווען, — אָט בין איך א איד! דענקסטו אַז איך בין רייך? איך קום פון ניו יאָרק אַ הער דאָ אַרבעטן פאַר פיל וויניקער געלט וואָס איך קריג דאָרט. איך האָב איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. איך פאַר א היים אויף איין טאָג אין דער וואָך ווייל איך וויל ניט שטיין אין דער רייע וואַרטן אויף אַ שטיקל ברויט. א איד שעמט זיך, דאָס איז דער איד. ווען דער ניט־איד ארבעט א גאַנצע וואָך, גייט ער זיגנטאָק מיט זיין פאַמיליע אין אַ שענק אריין און פאַרלעבט עס. און פיל מאָל האָט ער שוין מאָנטיק אויף קיין ברויט. די פרוי פרעגט מיך אויב איך קען אַבראַמאָוויטש'ן און גאָטליב, האָב איך געפרעגט, וואָס איז מיט זיי? — זיי האָבן גרויסע געשעפטן. האָב איך איר געזאָגט, אויב זיי האַנדלען ניט ערליך, גייט דאָרט ניט אריין. זי האָט געזאָגט, ניין! זיי זענען גוט, אָבער זיי זענען אידן. איך האָב באַמערקט אַ געשלאָסענע באַנק, זענען זיי אויך אידן? ניין, וואָס וואָלט איר געזאָגט ווען זיי זענען אידן? איך קען זיך פאָרשטעלן. אזוי איז שטיל אראָפּגעשלונגען אַ ביטערן פּיל. איך בין געווען אין דעם געשעפט דער איינציקער איד און דער איינציקער מאַן צווישן די אַרבעטער, עס האָט מיך ניט אינטערעסירט וואָס זיי זענען, איך האָב זיך מענטשליך געטאָן ריכטיק מיין ארבעט. מיין באַלעבאָסטע איז געפאָרן קיין ניו יאָרק געשעפטליך, די פרויען האָבן געטאַנצט, איך האָב געהאַט צייט, האָב איך געמאַכט אַ נייעם מאָדעל. ווען זי איז צוריק געקומען האָט זי באַמערקט און מיר באַדאַנקט וואָס איך טראַכט וועגן געשעפט. איך האָב איר געענטפערט, — דאָס איז א טייל פון מיין ארבעט, אויב דאָס געשעפט וועט זיך פאַרבעסערן וועל איך אויך געווונען דערפון. אין אַ שבת, ווען איך האָב ניט געאַרבעט, בין איך געגאַנגען אין שטעטל, ארומגעקוקט זיך אויב עס וואוינען דאָרט אידן. איך האָב געזען די צוויי גרויסע געשעפטן אבראַמאָוויטש און גאָטליב. לעבן די צוויי גרויסע געשעפטן איז געווען אַ שוסטער, זיין נאָמען איז געווען קאָהען; איך בין געשטאַנען און אריינגעקוקט, און האָב געטראַכט, עס איז זיכער א איד; דער שוסטער, האָט מיך באַמערקט און געפרעגט צו איך

בין א איד, האָב איך געענטפערט, יאָ. האָט ער מיך אריינגערופן אין זיין געוועלב און מיך געפרעגט וואָס איך טו דאָ אין שטעטל. איך האָב אים געזאָגט אז איך אַרבעט און ביי וועמען איך ארבעט און אַז איך וואוין ביי א ניט־אידן און אז איך וואָלט גערן געוואָלט זיין ביי אַ אידן אויב מעגליך. ער איז גלייך אריינגעגאַנגען צו אבראַמאָוויטשן און דערציילט וועגען מיר. זיי זענען ארויסגעקומען און מיך ווידער אויסגעפרעגט. זיי האָבן געקאָנט די באַלעבאָסטע ביי וועמען איך האָב געאַרבעט. אַבראַמאָוויטש האָט זיך ענטשולדיקט, ער קען מיך ניט אריינעמען ווייל זיין פרוי איז קראַנק. דער שוסטער האָט מיך געשיקט צו זיין שוואָגער, אויך א איד אַ שוסטער, אַ ביסל אַ בעסערער און האָט געקענט ריידן צו אַ מענטשן און אויך פיל פריינטליכער. ער האָט מיך פאַרבעטן אויף טיי. ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען האָט ער מיך געבעטן איך זאָל קומען ווען איך האָב צייט און מיר וועלן פאַרברייננגען ביי אַ גלאָז טיי, מיר וועלן שמועסן וועגן פארשידענעס אין דער אידישער וועלט.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געוואוינט ביי קריסטן. איך האָב געפילט ווי דער אשמאדאי האָט מיך פאַרטראָגן אין אַן אַנדערע וועלט טייל. איך האָב געלעבט אין ניו יאָרק אין מיין אויסדריקליכער אידישער וועלט, אין מיין היים מיט די קינדער, אויך אין דעם שאַפּ ביי דער אַרבעט און געלעזן אידישע צייטונגען. און דאָ, ניט איך הער און ניט איך רייד אַ וואָרט אידיש. אין אַ געוויסן זין איז עס געווען אַ לעקציע פאַר מיר, איך האָב זיך צוגעוואוינט צו ריידן ענגליש. ווען עס איז געקומען קריסטמוס האָבן זיי מיר געשיקט באַגריסונגס קאַרטן. איך האָב זיי ניט געענטפערט, האָבן זיי מיך געפרעגט פאַרוואָס איך האָב זיי ניט געענטפערט, האָב איך געזאָגט, אז איך בין א איד, מיר גלויבן ניט אין קריסטמוס. ניי־יאָר האָב איך געשיקט ניי־יאָר באַגריסונגס קאַרטן.

אין די זומער מאָנאטן איז דאָס געווען אַ פרייליך שטעטל, עס איז געוועןביים ברעג ים, פיל מענטשן זענען אריינגעקומען פאַרברענגען עטליכע וואַרימע וואָכן, אַנדערע זענען געקומען נאָר באָדן זיך און זענען צוריק אַ היים געפאָרן. די שטענדיקע איינוואוינער האָבן זיך געציילט אן ערך צווי טויזענט און אפשר פופצען אידישע פאַמיליעס. עס איז געווען זיבן פאַרשידענע קירכעס, אָבער ניט איין אידישע שול. די קריסטן האָבן געמאַכט פאַרשידענע אונטערנעמונגען אויסצוהאַלטן זייערע קירכעס. אין אַ געוויסן טאָג זענען די ארבעטער פון שאַפּ געגאַנגען עסען אין אַ קירכע, האָבן זיי מיך געבעטן איך זאָל מיט זיי מיטגיין. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. פון דער אַרבעט גייענדיק אַ היים האָט אַ פרוי מיך געפרעגט פאַרוואָס איך בין מיט זיי ניט געגאַנגען עסען אין אַ קירכע, האָב איך איר געזאָגט איך בין אַ איד, איך בין קיינמאָל ניט געווען אין אַ קירכע, זי גייט עסן דאָרט ווייל עס איז פריש און עס איז בעסער און ביליגער ווי אין אַ רעסטאָראַציע און זי האָט ווייטער געפרעגט אויב איך ווייס וואָס דער רעסטאָראַטאָר טוט מיט זיין געלט. אין אַ געוויסן זין איז זי גערעכט פון איר שטאַנדפּונקט, איך אַלעס איד האָב מיין רעכט צו לעבן ווי אזוי איך האָב געדענקט עס איז גלייך פאַר מיר. די באַלעבאָסטע האָט געהאַט א יונגע טאָכטער, שוין פאַרהייראַט, האָט זי צו מיר געזאָגט זי גלויבט אויך ניט פיל צו גיין אין א קירכע, נאָר אום קריסטמוס גייט זי, ווי אין א טעאַטער זיך אמוזירן. ווינטער איז מען געזעסן ביי די ראַדיאָ און אמוזירט זיך אין דער היים.

יעצט לאָמיר הערן ווי די קריסטליכע וועלט לערנט אויס זייערע אנהענגער. עס איז צוועלף אַ זייגער מיטיק צייט, איך קום פון אַן אנדערע שטוב ווי איך ארבעט, האָב איך באַמערקט ווי אַ פרוי רייסט אָפּ אַ שטיקל זיידענס, אַן ערך צווי יאַרד, וויקעלט עס צו און לייגט עס אריין אין איר בייטל און גייט אַ היים.

איך האָב באַטראַכט, דאָס איז אויף מיין רעכענונג, אויב מען וועט וויסן אַז עס פעלט, וועט מען זאָגן אַז דער איד האָט עס גענומען. עס איז געווען פרייטיק אָוונט, האָב איך טעלעפאָנירט אין געשעפט און געבעטן די באַלעבאָסטעס איידעם ער זאָל קומען צו מיר, עס איז זייער נויטיק, איך האָב וויכטיקעס פאַר אים. ער איז געקומען און איך האָב אים דערציילט וואָס איך האָב געזען היינט. ער איז א היים געפאָרן צו דער פרוי, זי האָט זיך פאַרענטפערט מיט די ווערטער: וואָס איז דען? איך האָב גענומען אַ שטיקל זייד, איך וועל קומען מאָנטיק צו דער אַרבעט וועל איך באַצאָלן פאַר דעם. אַזוי האָט ער מיר איבערגעגעבן ווען ער איז געקומען צוריק פון איר. איך האָב אים געזאָגט אַז קיינער האָט קיין רעכט צו נעמען וואָס ער וויל, מען דאַרף זיך אָנפרעגן אויב מען קען עס האָבן. עס קען זיין אַז מען דאַרף עס האָבן פאַר זיך. איך האָב אים געפרעגט ווי וואָלט געווען ווען איינער קומט און זאָגט אַז ער האָט געזען אַז איך האָב גענומען אַ שטיקל סחורה, וואָלסטו געקומען מיט אַ פּאָליציי מאַן און מיך אַרעסטירט, ניט אַזוי? ער האָט געזאָגט, יאָ! דענקסטו אַז דאָס איז דאָס ערשטע וואָס זי נעמט? איך וויס ניט, האָט ער געזאָגט. דאָס איז מיין לעקציע פון די אידישע גנבים ביי די ערליכע קריסטן, קירכען גייער. עס קען זיין זי איז געגאַנגען צו דעם פּריסט און האָט אים דערציילט, האָט ער געזאָגט: גיב מיר אַ העלפט וועסטו זיין ריין אָן זינד . . .

ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז עס איז דאָ צוועלף אידישע פאַמיליעס, האָב איך געבעטן מען זאָל מיר געבן די אַדרעסן און א שטוב, איך וויל מאַכן א פאַר־זאַמלונג; מען האָט מיר געזאָגט וועלכן טאָג זיי ווילן, האָב איך געשריבן עט־ליכע קאַרטלעך מען זאָל זיך צוזאַמענקומען, מיר וועלן האָבן אַ פאַרזאַמלונג. עס זענען געקומען זעקס מענטשן, איך האָב זיך געפילט אַביסל ענטוישט, — נאָר זעקס מענטשן! מען האָט מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע: ווען איר וואָלט גע־רופן אַ פאַרזאַמלונג פון הונדערט און עס וואָלט געקומען פופציק, וואָלט איר אויך אַזוי געפילט? איך האָב געלייענט שלום עליכם׳ס דערציילונגען און גערעדט אַז מען דאַרף ניט קויפן אָדער פאַרקויפן דייטשע סחורות. איך האָב געזען דייטשע סחורות אין א אידיש געשעפט; מיר דאַרפן זיי בויקאָטירן. א פרוי האָט געקויפט אַ פּאַר האנדשו, עס איז געווען דאָרט אָנגעשריבן „עס איז געמאַכט אין קעלן“, האָט מען מיך געפרעגט וואָס מיינט עס? האָב איך געזאָגט, קעלן איז אַ דייטשע שטאָט, זיי ווייסן, אז ווען עס זאָל זיין געשריבן אַז עס איז געמאַכט אין דייטשלאַנד, וואָלטן פיל מענטן עס ניט געקויפט, אָבער ווען זיי שרייבן „קעלן“, ווייסען פיל מענטשן ניט וואָס עס מיינט. דאָס האָט מיך געבראַכט איך זאָל קומען א הער צו אייך. עסאיז באַיקאָטירט צוליב די היטלעריסטן. מיר וועלן זיך זען די צווייטע וואָך, מיר וועלן ריידן וועגן די אידישע יום טובים.

די צווייטע וואָך האָב איך גערעדט וועגן די אידישע יום טובים, עס זענען געקומען מער מענטשן. ניט נאָר איז ראָש השנה און יום כפור ימים טובים, מען קען טייטשן פאַרקערט, די יום טובים זענען פסח, שבועות און סכות, דאָס זענען געווען אַ מאָל די הויפּט יום טובים וואָס אידן זענען געקומען אין ירושלים. ראָש השנה און יום כפור — דאָס זענען די הייליקע טעג, דאמאָלס גיט מען אַ חשבן וואָס מיר האָבן געטאָן א גאַנץ יאָר, דאן איז חנוכה און פורים זענען אויך יום טובים. איך האָב דערקלערט, עס וואָלט פיליכט געווען אַ מעגליכקייט מיר זאָלן האָבן אַ קלוב אין פוינט פלעזענט, אזוי האָט געהייסן דאָס שטעטל. די מענטשן זענען געווען זייער צופרידן. איך האָב צוגעגרייט עפּעס אַ צו־בייס פאַר שמחת תורה, מיר האָבן פאַרבראַכט עטליכע שעה אַ פריילעכן יום טוב. באַלד נאָך סיכות האָב איך געטראַכט וועגן א חנוכה אָוונט. איך האָב קיינעם ניט געזאָגט ביז צוויי וואָכן פאַר חנוכה. איך האָב געבעטן זיי זאָלן צוגרייטן אַ זאַל, איך

האָב געלאָזט אָבדרוקן אַן איינלאַדונגס בריף צו א חנוכה אָוונט, איך האָב געלאָזט וויסן אַ ברענטש צוויג פון ארב. רינג אַז מיר וועלן האָבן אַ חנוכה אָוונט אין פוינט פלעזענט; איך האָב געשריבן אין ניו יאָרק מען זאָל שיקן אויב מעגליך אַ אידישן רעדנער וואָס זאָל האַלטן אַ לעקציע וועגן די געשעעניש פון חנוכה פון היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן יום טוב. עס זענען געקומען הונדערט און פופ־ציק מענטשן. מען איז געקומען אויף וואונדער, אין א ניט אידישע שטאָט גע־מאַכט אַ חנוכה אָוונט. אלעס איז געגאַנגען גלייך, נאָר דער הויפט רעדנער, וואָס האָט באַדאַרפט זיין די הויפט אַטראַקציע, האָט אונדז ענטוישט; ער האָט זיך פאַרלוירן, מעגליך עס איז ניט געווען זיין טעמא. ער האָט גערעט וואָס עס איז אים ניט געווען צום האַרצען, אָדער אומבאַקאַנט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל ריידן וועגן חנוכה פון היסטאָרישן און נאַציאָנאַליסטישן געשעעניש, ער האָט זיך פאַרפלאָנטעט. די גרויסע צאָל מענטשן וואָס קיינער האָט ניט דער־וואַרט האָט אלעס פאַרדעקט. מען האָט סערווירט אייז־קרים, געפרוירענעם שמאַנד; עס איז געווען פריילעך, אַזעלכעס האָט נאָך דאָס שטעטל ניט געזען און וועט עס מער ניט זען. פון פיל מיילן ווייט איז מען געקומען זען די וואונדער פון דעם שטעטל; ווי קומט עס צו א קליין שטעטל מאַכן אזא פייערונג? מען האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן דעם נס חנוכה. אזוי האָבן מיר זיך געזען יעדע צווייטע וואָך. מען האָט אַראַנזשירט אַ צוזאַמענקומפט ביי דעם גביר אבראמאָ־וויטש אין הויז, ער האָט איינגעלאַדן א רב פון דערבייאיקן שטעטל לעיקוואוד; עס זענען געקומען עטליכע פאַמיליעס. דער רב האָט געהאַט דאָס ערשטע וואָרט און האָט אין קורצן דערקלערט פון משה רבינו, זיין אָנהויב אין מצרים, וואו ער האָט באַפרייט די אידן פון קנעכטשאַפט און זיי ארויסגענומען פון מצרים און געפירט אין דער מדבר, ווי די אידן האָבן געמאַכט דעם עגל הזהב, דעם גאָל־דענעם קאַלב, וואָס האָט געמיינט פאַרזינדיקט.

איך האָב גענומען דאָס צווייטע וואָרט, האָב געבעטן ביי דעם רב ענשול־דיגונג און געזאָגט: איר זייט מאָדערן, איר זענט געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן, אַ לופט־שיף. איך וויל דערקלערן מיט דעם אָנהויב פון דער אידישער געשיכטע. עס איז אָנגענומען אַז אברהם איז געווען דער ערשטער איד. נח איז געווען פריער, עס איז אין ערגעץ ניט געשריבן אַז ער איז געווען אַ איד. אברהם האָט געזאָגט אַז ער איז א איד, יצחק האָט געהאַט צוויי זין, יעקב און עשו, יעקב זין האָבן פאַרקויפט זייער ברודער יוסף פאַר אַ קנעכט קיין מצרים. אזוי ארום זענען די אידן געקומען קיין מצרים. דער רב האָט מיר געגעבן די האַנט און געזאָגט: איר ווייסט מער פון מיר. ער האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל קומען צו אים. . .

איך בין אריינגעקומען צו דעם שוסטער סאמבאָווסקי עטליכע מאָל אין דער וואָך טרינקען טיי, איך האָב באַמערקט ער האָט דערוואַקסענע קינדער, זיי האָבן ניט געפרעגט ווער איז דער מענטש און קיינמאָל מיך ניט באַגריסט און אויך ניט געזען אַ קינד ריידן צו זייער פאָטער, עס האָט מיר אויסגעזען אַז די ניט־אידן זענען פריינטליכער, זיי מאַכן קיין אונטערשיד צווישן א יונגען און אַן עלטערן פערזאָן, זיי פרעגן ווער איז דאָס און ווי רופט מען אים, פון וואַנען קומט ער און וואָס טוט ער דאָ? מען האָט צו מיר גערעדט און פאַרגעשטעלט צו א צווייטן, וואָס זיי האָבן געפיל ווייס איך ניט, אמווייניגסטן האָט עס אויס־געזען דעמאָקראַטיש ניט סנאָביש. מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען, געפאָרן צו־זאַמען, געאַרבעט צוזאַמען, קיין אונטערשיד, שוסטער, שניידער אָדער בוכ־האַלטער, אמאָל קומט דער שוסטערס פרוי צו מיר און פרעגט מיך אויב איך וועל עפּעס טאָן פאַר איר טאָכטער, זי איז א לערערן, זי קומט א היים פאַר עטליכע טעג. איך האָב געענטפערט מיט פאַרגעניגן. ווען די טאָכטער איז געקומען און האָט מיך געפרעגט אויב איך וועל פאַר איר קורצן אַ מאַנטעל,

האָב איך איר געזאָגט אַז איך וועל טוען וואָס זי וויל. איך וויל איר פרעגן אַ פראַגע, זי איז ניט געווען צופרידן, אָבער זי האָט איינגעשטימט. איך האָב איר געפרעגט אויב זי רעדט אַמאָל צו איר פאָטער, כמעט אַ ביזע האָט זי גע־זאָגט: ער איז אַ שוסטער. איז וואָס? ער איז אייער פאָטער, ער איז אַ פיינער מענטש, מענטשן זענען צופרידן פון זיין אַרבעט, ער איז אַ גוטער איד, איך ווייס די קריסטן האַלטן פון אים. עס קען זיין זיי לאַכן פון דעם נאָמען סטאַמ־באָוסקי, אָבער זיכער ניט פון אים. באַלד איז די מאַמע צוגעקומען מיט דעם זעלבן פּזמון, — ער איז אַ שוסטער, מען קען קיין שידוך ניט טאָן ווייל ער איז אַ שוסטער, איר זייט שוין פאַרהייראַט אפשר דרייסיק יאָר, איר האָט דריי פיינע קינדער, געענדיקט קאַלעדזש, איר האָט פּרנסה, אַן אייגענע היים און קינדער ריידן ניט צו זייער פאָטער ווייל ער איז אַ שוסטער. די ווערטער זענען מיר טיף אריין אין האַרץ, מיינע קינדער זענען נאָך יונג, ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי צו מיר ניט וועלן ריידן ווייל איך בין אַ שניידער. דאָס איז די אורזאַך פון מיין שרייבן, איך האָב שוין דערציילט וועגן מיין לעבן אין איי־ראָפּאַ. איך בין ניט געבוירן אין אמעריקאַ, אין אַן אנדער לאַנד, מיט אַן אַנדער קולטור און אַן אַנדער שפּראַך, אויב זיי וועלן מיך פרעגן וועגן זייער לערנען אין די שולע און איך וועל ניט וויסן צו ענטפערן, זאָלן זיי וויסן פאַרוואָס איך ווייס ניט. אמת, עס איז קיין תירוץ, ווייל ביי אַ קינד איז דער טאַטע דאָס העכסטע, ער דאַרף וויסן. עס איז געשריבן אין דער תורה: פרעג דיין טאַטע וועט ער דיר זאָגן. איך האָב גערעדט אידיש, געלערנט לשון קודש, צו די פּאַליאַקן גערעדט אין פּויליש, צו דער רעגירונג אין רוסיש, צו שכנים אין דייטש. ענגליש האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר האָבן ניט געלערנט. דעם שוסטערס קינדער זענען שוין געלערנטע מענטשן, פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט אריינגעטראַכט אין דעם, אַז דער טאַטע איז ניט געבוירן אין אַמעריקאַ? דער שוסטער קען ריידן צו זיי אין עטליכע שפּראַכן און די געלערנטע קינדער וועלן ניט פאַרשטיין וואָס דער שוסטער זאָגט. איך האָב שוין אַ פאַקט, איך האָב געמאַכט א „רעקאָרד״, אַ פּלאַטע אויף אידיש, צווי דעקלאַמאַציעס, האָבן מיינע אייניקלעך מיר דער־ציילט אַז זיי האָבן געהערט מיין שטימע אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס איך האָב געזאָגט. דער שוסטער איז געקומען אין אַמעריקאַ שוין אַ דערוואקסענער מענטש, אפשר איז ער שוין געווען פאַרהייראַט, ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר פּרנסה, ער האָט ניט געקענט גיין אין חדר, מען האָט שוין געוואָרט ער זאָל אַ היים ברענגען אויף צום לעבן, אויב עס איז שוין געווען א קינד, האָט מען עס באַדאַרפט פאַרזאָרגן און דאָס האָט ער געטאָן.

מיין זון וועלכער איז דורכגעגאַנגען עטליכע קאַלעדזשעס, האָט צו מיר געזאָגט, ווען איך האָב אים לעצטענס געזען: טאַטע, מיר לעבן אין אַנדער וועלט, ווען איך, א שניידער, האָב אים געפרעגט: ווער האָט פאַר דיר צוגעגרייט די אַנדערע וועלט אין וועלכער די לעבסט? ווען איך בין געקומען אין אַמעריקאַ מיט פופציק יאָר צוריק האָב איך געטראָפן טראַמוויען איינגעשפּאַנט צווי אַלטע ווייסע פערד, די עלעקטריק האָט ניט געברענט אין יעדן הויז, נאָר גאַז באַלייכ־טונג, עס איז ניט געווען קיין באַד אין יעדן הויז און די באַקוועמליכקייטן זענען אויך ניט געווען. די צענטראַלע באַהייצונג איז אויך ניט געווען. איך בין געווען אין שיקאַגאָ אין יאָר 1910 האָבן מענטשן זיך געפּוצט מיט זייערע שיינע איי־זערנע באַהייצונג־אויוועגס. מיר, דער עלטערער דור, האָבן געקעמפט פאַר דער אויסבעסערונג, עס איז ניט געקומען גלייך פון הימל אַרונטער, מיר האָבן גע־אַרבעט פון אַכט א זייגער פרי ביז אַכט דרייסיק אין אָוונט, מיר זענען נאָך געווען יונג, האָבן מיר עס געקענט דורכגיין דעם שווערן לעבן.

איין זאַך איז זיכער, — די אייראָפּעיִשע דאַרפן זיך ניט שעמען קולטורעל

פאר די אַמעריקאַנער. איך האָב געענטפערט מיינע קינדער וואָס זיי האָבן מיך געפרעגט, דאָס איז געווען מיין פליכט אַלעס פאַטער, אויב איך האָב ניט גע־געוואוסט, האָב איך נאָכגעזוכט און געענטפערט, אָבער ניט אַלע האָבן די מעג־ליכקייט צו ענטפערן, מען דאַרף עס באַטראַכטען, דאָס לעבן פון אַמאָל און דאָס לעבן פון היינט. מיר האָבן אַ שפּיגעל וואָס מיר קאָנען זען; אין רוסלאַנד מיט פופציק יאָר צוריק איז געווען 80 פּראָצענט בעזגראַמאָטנע און היינט שטייען זיי הויך. עס איז דאָ אַ שפּראַכוואָרט אין העברעאיש: וואָס עס מאַכט ניט דער פאַרשטאַנד מאַכט עס די צייט. איך האָב ניט פאַרגעסן דעם פסוק ואהבת את הגר — האָב ליב דעם פרעמדן, מען דאַרף אים ניט ליב האָבן אָבער אויך ניט פיינט האָבן, מען דאַרף זיין פריינטליך מענטשליך. איך בין געווען אין דעם קליינעם שטעטל פיר יאָר, געלעבט כמעט נאָר מיט קריסטן, איך האָב ניט געזען אָדער געהערט מען זאָל פון מיר לאַכען, מען האָט צו מיר גערעד מיט רעספּעקט, אויב איך האָב געזאָגט אַ וואָרט ניט ריכטיק האָבן זיי מיר אויסגעבעסערט, אַמאָל אויך אָנגעשריבן איך זאָל וויסן ווי אַזוי פונקטליך דאָס ארויסצורייידן. איך האָב אַמאָל געהערט פון אידישע פרויען ריידן כמעט באַרימעריש: מיינע קינדער קאָנען ניט רייידן קיין אידיש! האָב איך פארשטאַנען אז עס איז אן אומוואוסענ־דער מענטש. פון וועלכן נאָך פאָלק קען מען הערן אַזעלכע ווערטער? דאָס איז „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס" . . .

איך קום צוריק צו מיין ארבעטס טאָג, איך האָב באַמערקט אַז עס איז ניט נאָרמאַל ווי געוויינליך, עס טומעלט זיך, מען גייט ארונטער און מען קומט ארויף, איך בין געשטאַנען און געטאָן מיין ארבעט, איך האָב געשניטן. ווען מיר זענען אַ היים געגאַנגען האָבן די פרויען מיר דערציילט וואָס עס האָט זיך געטומעלט אַ האַלבן טאָג, — עס האָט געפעלט געלט אין רעגיסטער. אויב עס פעלט געלט, ווער האָט עס גענומען? — דער איד. ווי אַזוי קען מען צוגיין צו אַמענטש און זאָגן: דו האָסט גענומען געלד! קיינער האָט ניט געזען, מען האָט אים ניט געכאַפּט דער ביי. שפּעטער, ווען דער אידעם איז געקומען האָבן זיי אים גע־פרעגט וואָס מען זאָל טוען, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט גענומען געלד און צוריקגעמאַכט דעם אויטאָמאָביל, האָב איך געזאָגט צו די פרויען: איך גלויב ניט אַז איר זייט אַזוי נאַריש ווי איר ווייזט זיך ארויס. זאָגט מיר, ווען האָב איך אַ מעגליכקייט ארונטער צוגיין אין געשעפט ווען קיינער איז נישטאָ? אין אַל־געמיין גיי איך קיינמאָל ניט ארונטער. איך קום ניט פריער פון אייך צו דער ארבעט, איר ארבעט ביי נאַכט און איך ניט, ווען עס פעלט געלט האָב איך עס גענומען ניט איר, אַזוי לערנט אייך די רעליגיע? איר האָט די צען געבאָט אין אייער קירכע, זיי זענען פון די ביבעל, ווען איר ווילט באגיין אַ פאַרברעכן, נעמט איר ארונטער די צען געבאָט פאַר אַ ווייל, איר באַצאָלט אייער פּריסט און ער פאַרגיט אייך די זינד. בין איך דען נעכטן געקומען ארבעטן? האָט איר אַמאָל געזען איך זאָל נעמען וואָס עס איז ניט מיינס? צי עס איז ווערט אַ סענט אָדער אַ דאָלאַר; פאַר מיינע אויגן הענגען אימער די צען געבאָט, איך קען זיך ביי קיינעם ניט אויסקויפן, מען דאַרף ניט נעמען . . .

עס איז געווען אין אָנהויב פון רוזוועלט־יאָרן, פיל מענטשן אין דעם שטעטל האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף, דער גביר, אבראַמאָוויטש, איז געווען אין דער רעגירונג, האָט ער פאָרגעשלאָגן מען זאָל געבן ארבעט די מענטשן וואָס בעטן הילף. מען האָט צוגענומען דעם אָפּפאַל יעדן טאָג אנשטאָט צוויי מאָל א וואָך. זיי וועלן ארבעטן פאַר זייער געלט און עס וועט זיין ריין די שטאָט. די אנדערע באַאַמטע זענען געווען צופרידן פון דעם פּלאַן.

מיין באַלעבאָסטע האָט מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל זיך ארויסציען אין יענעם

שטעטל מיט מיין פאַמיליע. זי האָט געוואָלט געבען ארבעט מיין פרוי זי זאָל ארויסהעלפן אין דער שווערער צייט. ווען איך האָב באַמערקט ווי די דערוואַק־סענע אידישע קינדער בלאָנזשען אין דעם שטעטל, זיי האָבן קיין פריינט, עס איז ניטאָ קיין צוזאַמענקומפּט פאר אידישע קינדער אין א קליין שטעטל האָב איך ניט געוואָלט זיך ארויסציען ווייל עס איז ניט געווען דאָרט קיין אידישע אינסטי־טוציעס, עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי אויסהאַלטן. איך האָב געזען דעם שפּיגעל וואָס עס קען דערוואַרטן מיינע קינדער. אין ניו יאָרק האָב איך קיין ארבעט ניט געקענט קריגן, בין איך ווידער געפאָרן אין א קליין שטעטל ארבעטן. איך האָב געאַרבעט עטליכע וואָכן, עס איז געווען א סטרייק האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אין קאַליפאָרניע. מיר זענען געווען זיבן צושניידער, איך בין דער איינציקער ארונטער אין סטרייק, זעקס זענען געבליבן ארבעטן, די מערסטע אידישע ארבעטער זענען ארונטער געגאַנגען. ניט אלע זענען געווען אין סטרייק וואָס קען מיך שוין דערוואַרטן, האָב איך אָנגענומען דעם באַשלוס פון דאָק־טוירעם, כאָטש זיי האָבן געוואָלט איך זאָל פאָרן אין אַריזאָנא, אָבער וואָס האָב איך געקענט טוען אין אַריזאָנא? קיין אַרבעט קען איך דאָרט ניט געפונען, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָס אנגעלעס.

איך בין מיט מיין פריינט ארויסגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אין קליוולאנד ביי מיין פריינט טרעגער, מיר זענען געווען איבער נאַכט אין קליוולאַנד. אויף מאָרגן זענען מיר געפאָרן קיין שיקאַגאָ וואו מיר האָבן פאַרבראַכט עטליכע טעג — יום טובדיקע, יעדן אָווענט איז געווען ווי אַ באַנקעט ביי אַן אנדערן פריינט אין הויז. אונדזערע פריינט האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן פאַרבלייבן אין שיקאַגאָ, זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט זיי וועלן אונדז באַזאָרגן מיט ארבעט און מיט א וואוי־נונג אויב מיר וועלן דאָרט פאַרבלייבן. מיר האָבן געזען אַז מיר האָבן פריינט אָבער דער קלימאַט וואָס איך דאַרף האָבן זיי ניט געקענט בייטן. דער קלימאַט אין שיקאַגאָ איז ניט בעסער ווי אין ניו יאָרק, אויב ניט ערגער, עס איז די ווינד־שטאָט און דאָס קען איך ניט פאַרנעמען. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי מיט וואַרימע פריינט. עטליכ טעג שפּעטער, זונטיק אין דער פרי, נאָוועמבער 21־טען, 1937, זענען מיר אָנגעקומען אין לאָס אַנגעלעס. א פריינט הערשעל ביומאַן האָט אונדז אָבגעוואַרט ביי דער באַן און האָט אונדז איינגעשטעלט אין אַ האָטעל. ער האָט אונדז איינגעלאַדן פאר דעם ערשטן מאָלצייט אין קאַליפאָרניע. ער האָט ארויס־געוויזן פריינטשאַפט. אַ טאָג שפּעטער האָט מיך איינגעלאַדן א ברודער פון מיין פריינט אין שיקאַגאָ, ער האָט מיך דערקענט, מיר האָבן זיך פיל יאָרן ניט גע־זען, אמווייניקסטן 28 יאָר, מיר זענען געווען ביי א מאָלצייט אין זיין היים, זיי זענען גאַנץ פריינטליך געווען.

די ערשטע עטליכע טעג האָט עס אויסגעזען אַז עס וועט זיין גוט, מיר האָבן געהאַט באַקאַנטע און פריינט. אויב מיר וועלן קריגן אַרבעט, וועט שוין זיין גוט. דער קלימאַט איז געווען גוט און מער פאַרלאַנגען מיר ניט, די צייט איז געווען אַ שווערע. אין אַן אָווענט זענען מיר ארייינגעקומען צו אַ לאַנדסמאַן, מיר האָבן געוואוסט ווער זיי זענען און זיי האָבן געוואוסט ווער מיר זענען, נאָר מיין פריינט וואָס איז געווען מיט מיר האָט זיי געקענט בעסער. מיר זענען געזעסן אַ שטיקל צייט און מיר האָבן געשמועסט, דער לאַנדסמאַן האָט אונדז געפרעגט וואָס מיר דענקען צו טאָן, געוויינטליך, האָבן מיר געזאָגט מיר וועלן גיין ארבעטן, האָט זיך דער לאַנדסמאַן אָנגערופן: אין לאָס אַנגעלעס אַרבעטן? מיט אַזאַ שטאַרקן פראַגע צייכן און האָט ווייטער גערעדט, אַז מען קען נאָר קריגן אַרבעט ווען איינער שטאַרבט. דאָס איז געווען די אויפנאַמע. מיר האָבן געזען דעם אונטערשיד פון שיקאַגאָ ביז לאָס אנגעלעס, עס איז טאַקע צווי טויזענט מייל אָבער מענטשליך געפיל איז מעגליך נאָך ווייטער.

דער אונטערשיד פון די זייער קאַלטע שטאָט מיט די זייער וואַרימע פריינטליכע הערצער, דאָס איז געווען דער שלום עליכם מיט אייז וואסער געגאָסן אויף אונדז, עס האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט אונדז געזאָגט: נאָך וואָס זייט איר געקומען דאָ? ווער דאַרף אייך דאָ? די ווערטער האָבן געפעלט, מען האָט זיי נאָר אין זינען געהאַט, און פּאָרט האָב איך געדענקט אז עס איז ניט אזוי שלעכט. זייענדיק עטליכע טעג אין לאָס אַנגעלעס האָב איך געזען די שטאָט סדום. איך בין נאָך ניט ענטוישט, איך האָב געפילט ווי אברהם אבינו האָט געבעטן פאַר די שטאָט מען זאָל זיי ניט פארדארבן, ניט אַלע מענטשן זענען שלעכט. איך בין ווידער געוואָרן אַ גרינער און דארף זיך טובל זיין אין דעם מעריבדיקן פּאַסיפישן ים. איך האָב איבערגעלעבט די ערשטע טעג און וואָכן אין אַמעריקא ביז איך האָב זיך טובל געווען אין אַטלאַנטיק און געוואָרן אויס גרינער. וועל איך אויך דאָ איבערקומען. אויב איך וויל לעבן דארף איך דאָ זיין. אין ניו יאָרק וועל איך לאַנג ניט אויסהאַלטן. די גרויסע פרעסט אין ווינטער און די היצן אום זימער וועל איך ניט לאַנג אויסהאַלטן. עס לעבן אין דער שטאָט טויזנטער מענטשן, וועט זיך נאָך איינער קענען אָנהאַלטן. אויב עס וועט מיר אויסקומען צו וואַרטן ביז איינער וועט שטאַרבן, וועל איך אים ניט האַרגענען, נאָר איך וועל וואַרטן ביז ער וועט שטאַרבן מיט אַ נאַטירליכן טויט. איך און מיין פריינט זענען געגאַנגען זוכן מיין יוגנט פריינט בלום. ווען מיר זענען אריינגעקומען האָט מען אונדז געגעבן א וואַרימען שלום עליכם, אויפגענומען ווי פריינט באַגעגענען פריינט, ניט אָפּגעגאָסן מיט אייז־קאַלטער וואסער, נאָר א הייסע גלאָז טיי. די וועלט גייט נאָך ניט אונטער, מיט דער צייט וועט זיין ארבעט, מען דאַרף האָב געדולט, דערווייל איז שלעכט, מען וועט מיט דער צייט דאָס אויך איבערקומען. עס איז מיר געוואָרן קלאָר וואָס מען האָט מיר געזאָגט אין ניו יאָרק ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט באַקאַנטע וואָס זענען געווען אין לאָס אַנגעלעס:

— פאָר, דו וועסט זיין צופרידן, עס איז אַ שיינע שטאָט, מער האָבן זיי ניט געזאָגט, עס איז אַ שיינע שטאָט אָנצוקוקן, אָבער זיך באַזעצן איז אַ פראַגע. פּיל מענטשן קומען אַהער נאָר צוליב דעם וואַרימען קלימאַט, מען האָט מיר געגעבן אַ לעקציע, — הויב ניט קיין זאַך אויף פון דער ערד, קענסט זיך אָנשטעקן מיט אַ קראַנקייט; פאָרענדיק אויף די טראַמווייען האָב איך געהערט מען רעדט נאָר פון די דאָקטוירים און שפּיטאָלן. פּיל קראַנקע אַסמאַטיקער האָבן דאָ געפילט בעסער און איך האָב אויך געפילט אז עס וועט זיין בעסער. איך האָב זיך ניט פארלוירן, איך בין געגאַנגען זוכן אַרבעט. אי האָב איינפאַך געעפנט טירן און זיך געפרעגט אויב מען קען קריגן ארבעט. איך האָב געוואָלט ארבעטן פאר צען דאלאר א וואָך איך זאָל האָבן אַ פּלאַץ ווי צו וואוינען און דערהאַלטן די נשמה. איך האָב צוויי קינדער אין ניו יאָרק, זיי דאַרפן אויך לעבן און דאָס איז געווען אומעגליך צו קריגן. איך האָב געהאַט אַ שטוב פאר צען דאלאר א חודש, באלד וועל איך די צען דאלאר אויך ניט האָבן. וואָס וועט ווייטער זיין?

איך האָב זיך באַקענט מיט אַ מאַן פון ניו יאָרק, אַ פּרעסער, אויך ער האָט ניט געקענט קריגן קיין ארבעט. ווען איך האָב אים ניט געזען עטליכע טעג, בין איך אים געגאַנגען זוכן, האָב איך באַמערקט ווי אַ מיידל זוצט און וויינט. איך האָב געפרעגט, וואָס זי וויינט, די באָבע האָט געענטפערט: זי וויל א קליידל און איך קען עס איר ניט קויפן. האָב איך איר געזאָגט זי זאָל קויפן אַ שטיקל סחורה וועל איך איר מאַכן אַ קליידל. די עלטערע פרוי האָט געקויפט א שטיקל סחורה. זי האָט מיך געפרעגט וואו איך וועל מאַכן דאָס קליידל, האָב איך איר געזאָגט, אז איך האָב דאָ א פריינט א שניידער, ער וועט מיך לאָזן מאַכן דאָס קליידל. איך האָב געמאַכט אַ קליידל און האָב עס געבראַכט צו דער פרוי. ווען די עלטערע פרוי האָט געזען דאָס קליידל, האָט זי זיך געפרייט און געוויזן די

שכנים: זעט, אַ מענטש מאַכט אַזאַ שיין קליידל און האָט ניט קיין ארבעט. די עלטערע פרוי האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט, זי איז מיט מיר צוגעגאַנגען דאָרט, וואו זי האָט געקויפט דאָס שטיקעל סחורה און האָט געוויזען דאָס קליידעל וואָס איך האָב געמאַכט און האָט געבעטען זי זאָל מיר געבען אַ שטיקעל סחורה פאַר אַ קליידעל, זי וועט עס פארקויפן. איך האָב געמאַכט אַ קליידעל. זי האָט גע־פרעגט וויפיל קאָסט דאָס? — איין דאלאר, זי האָט מיר געגעבן א זילבערנעם דאלאר. זי האָט געגעבן נאָך פיר שטיקלעך סחורה פאר נאָך פיר קליידלעך, זי האָט געבעטן איך זאָל ניט מאַכן אלע איין מאָס נאָר פארשידענע, גרעסערע און קלענערע און ניט די זעלבע מאָדעלס. ווען איך האָב געבראַכט די פיר קליי־דער האָט זי מיר געגעבן פיר דאלאר; פאר פרייד האָב איך גענומען די פינף דאלאר און געשיקט די קינדער אין ניו יאָרק. איך האָב געווארט עטליכע טעג און בין צוגעגאַנגען אָנפרעגן אויב מען דארף נאָך קליידלעך. די פרוי האָט גע־זאָגט אז זי האָט זיי געשטעלט אין פענצטער פאר 1.75 א קליידל און זי האָט נאָך איינס ניט פארקויפט. יעדער ווייסט דאָס פאָלקס ווערטל: אָן אַקס פאר א קאָ־פּיקע, אויב מען האָט ניט די קאָפּיקע קען מען ניט קויפן. אזוי קען מען זיך פאָרשטעלן אין יענער צייט. איך האָב באַמערקט עס ליגט אַ שטיקל סחורה, עס קען זיין אַ קורצן מאַנטל, האָב איך געבעטן זי זאָל מיר געבן דאָס שטיקל סחורה, איך וועל מאַכן אַ קורצן מאַנטל, זי האָט ניט געוואָלט, זי האָט געדענקט איך וועל זיין צו טייער. איך האָב געוואָלט עסן, האָב איך איר געבעטן און אויך אַ שטיקל „פּאָטשעווקע" האָט זי מיר שוין געגעבן. אין צווייטן טאָג האָב איך געבראַכט אַ מאַנטל. גלייך האָט זי מיר געפרעגט ווי פּיל, ווען איך האָב איר געזאָגט צוויי דאלאר, האָט זי אים באַטראַכט און באַצאָלט און געגעבן מיר נאָך פאר צוויי מאַנטלען סחורה. אַ מאַנטל האָט זיך פארקויפט פאַר פינף דאלאר. ווען איך האָב געבראַכט די צוויי מאַנטלען האָט זי מיר געגעבן נאָך פאר צוויי. יעצט האָב איך געטראַכט אז איך דאַרף האָבן אַ פּלאַץ וואו צו מאַכן די מאַנטלען, מען קען דאָך ניט זיין אויף יענעמס קאָפּ. איך בין זיכער ער וועט מיר גאָר ניט זאָגן, אָבער מען דאַרף עס ניט טאָן. עטליכע פרויען האָבן מיך געפרעגט אויב זיי קאָנען מיר מיט עפּעס העלפן. זיי געהערן צו פארשידענע אָרגאַניזאַציעס, זיי וועלן דערציילן פון מיר וועט מען מיר ארויסהעלפן. איך גלויב זיי האָבן זיך אליין געהאָלפן. איך האָב געשריבן קיין ניו יאָרק צו אַ פריינט ער זאָל מיר שיקן 25 דאלאר, ער האָט מיר גלייך געשיקט מיט א פריינטליך בריוול אין וועלכן ער פרעגט צו איך דארף מער וועט ער מיר שיקן. איך בין געווען שטאַרק געפאַלן ביי זיך, איך האָב זיך געשראָקן, ווען וועל איך עס קאָנען צוריק געבען? איך האָב געפונען אַ דירה, אַ געוועלב פאר $15 א חודש מיט עלעקטריק אין אַ זייטיק ווינקעל, קיין וואסער איז ניט געווען, איך האָב געדאַרפט גיין אין אַ שטוב נאָך וואסער. האָב איך שוין אַ געוועלב, איך דאַרף אַ מאַשין צו נייען, א טיש צו שניידען און פרעסן און אַ בעט צו שלאָפן. איך האָב געמאַכט אַ פאַרהאַנג, אָפּ־געטיילט אַ פּלאַץ צום שלאָפן. עס איז געקומען אַ פרוי פון אַ דערבייאיק שטעטל. זי האָט געוואָלט איך זאָל גיין צו איר פאַמיליע, זי וועט מיר געבן אַ פּלאַץ צום שלאָפן און עסן אז איך זאָל פאר איר נייען, מאַכן וואָס זיי וועלן פאַרלאַנגען פון מיר, האָב איך געטראַכט, — אַזוי טיף בין איך נאָך ניט געזונקען. זיך אליין פארקויפן פאר אַ שקלאַף, — דאָס נאָך ניט. אזוי האָט די פרוי געבראַכט אַ מאַשין צו נייען און אַ בעטל צו שלאָפן. מען האָט ערגעץ געפונען אַ טיש און מיר געבראַכט, איינער האָט מיר געבראַכט אַ פרעס אייזען. איך האָב געקענט אַ ביסל אַרבעטן, ווען עס וועט נאָר זיין וואָס. יעדענפאַל, בעסער ווי זיין אַ שקלאַף און אַן אונגעבעטענער אורח. מען זאָל מיר געבן עסן און איך זאָל טוען פאַר זיי וואָס זיי וועלן פאַרלאַנגען פון מיר. איך ווייס ווי שווער עס וועט זיין פאר פיל מענטשן

צו גלויבן אַז איך האָב מיטגעמאַכט אַזאַ שווערע צייט אין לאָס אַנגעלעס, קאַלי־פאָרניע. איך האָב געוואוינט ביי אַ ניט רייכע פאַמיליע. דער מאַן האָט געפאַרבט שילדן. די פרוי האָט באַמערקט אַז איך עס ניט, האָט זי מיך איינגעלאַדן פאַר אַ מאָלצייט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי איך האָב אויסגעזען. דאָס איז געווען מיין שווערסטע לאַגע, דאָס ערגסטע קאַפּיטל און לעבן. דאָס שרייב איך שוין ניט מיט געוועגליכן טינט, נאָר מיט בלוט און טרערן. איך האָב ניט פאַרלאָנגט אומזיסט, ווען איך האָב נאָר געהאַט געלט האָב איך געקויפט אַ שטיקל סחורה און געמאַכט אַ מאַנטעלע פאַר איר מיידעלע, אמאָל א קליידל פאַר איר. עס איז ביי מירגעווען א שיינער זשעסט; זיי האָבן מיר פריער געגעבן עסן, זיי האָבן ניט געטראַכט אַז איך וועל זוכן אַ וועג אָבצוגעבן פאַר זייער פיינקייט מיט דאנק־באַרקייט. עס איז אריינגעקומען די פרוי וואָס האָט מיר געבראַכט די מאַשין און דאָס אייזערנע בעטעל. זי זאָגט צו מיר אַז די מאַשין וויל זי ניט פאַרקויפן, נאָר פאַר דעם בעטעל זאָל איך פאַר איר מאַכן א מאַנטל און אַ קלייד און אויך פאַר איר טאָכטער דאָס אייגענע מיט מיין סחורה. דאָס בעטעל איז פּילייכט ווערט געווען פינף דאלאר, אזוי האָט מען עס אָפּגעשאַצט, פאַר דעם זאָל איך מאַכן צוויי מאַנטלען און צוויי קליידער פון מיין סחורה, דאָס ביליגסטע וואָס איך האָב געקענט טראַכטן, כאָטש פינף און צוואנציק דאלאר. איך האָב איר גלייך געענטפערט: איך וועל אויף אייער בעט מער ניט שלאָפן. האָט זי גע־פרעגט: וואו וועט איר שלאָפן? — אויפן טיש, האָב איך געענטפערט, נעמט זיך אלעס צוריק! איך בין ניט אייער שקלאַף, איר האָט מיך ניט געקויפט. דאָס איז געווען די פרוי וואָס האָט געוואָלט איך זאָל וואוינען מיט זיי און זי וועט מיר געבן עסן און שלאָפן און איך זאָל נייען פאַר זי וואָס זיי וועלן פאַר־לאַנגען. אָט דאָס זענען די צדקה טוער. זי איז געקומען מיר העלפן אין מיין שווערער לאַגע! איך האָב טעלעפאָנירט צו אַ פריינט וועגן דעם, עס האָט לאַנג ניט גענומען און מען האָט מיר געבראַכט אַ מאַשין מיט אַ בעט.

עס האָט זיך מיר געטראָפן צו קויפן אַ שניידער געשעפט מיט אַ פּרעסינג מאַשין און א ניי מאַשין און וואָס עס איז בויטיק פאַר צוויי הונדערט דאלאר, צוואַנציק דאלאר א חודש דירה געלט. איך האָב קיין געלט ניט געהאַט, מיינע לאַנדסלייט האָבן מיר געזאָגט איך זאָל גיין אין אַ באַנק, מען וועט מיר באָרגען צוויי הונדערט דאלאר אויב צוויי מענטשן וועלן זיך אונטערשרייבן. איך בין געגאַנגען אין א באַנק זיך אָנפרעגן, האָבן זיי מיך געפרעגט וויפיל געלט איך האָב? ווען איך האָב געזאָגט אַז איך האָב גאָר ניט, האָבן זיי מיר קיין קרעדיט ניט געגעבן. אַזוי האָב איך געמוזט שלום מאַכן מיט מיין מזל. ווי עס זעט אויס האָב איך קיין טעות ניט געמאַכט. מיין פריינט פון קליוולאַנד, מאָריס טרעגערס מוטער און שוועסטער האָבן געוואוינט אין לאָס אַנגעלעס. אַמאָל איז זיין שוועס־טער געקומען צו מיר, קוקט זיך ארום און פרעגט פאַרוואָס איך שרייב ניט צו איר ברודער, האָב איך געזאָגט אז איך שרייב יאָ. האָט זי ווידער געזאָגט, זי ווייסט נאָר איך האָב אויסגעמיטן צו שרייבן ווי אַזוי איך לעב אין לאָס אַנגעלעס און זי זאָגט ווייטער: אויב איך וועל ניט שרייבן, וועט זי שרייבן. איך האָב איר געבעטן זי זאָל ניט שרייבן, איך וועל שרייבן. איך האָב געשריבן אַז עס האָט זיך מיר געטראָפן צו קויפן א שניידער שאָפּ פאַר צוויי הונדערט דאלאר נאָר איך האָב ניט קיין געלט. ווען מיין פריינט האָט דערהאַלטן דעם בריף האָט ער אין עטליכע טעג שפּעטער מיר געשיקט אַ טעלעגראַמע, אויב איך דענק אז עס איז א גוטער שאָפּ זאָל איך ענטפערן, ער וועט גלייך ארויסשיקן געלט. ווען איך האָב געקרוגן די טעלעגראַמע בין איך שוין געווען אין אַן אַנדער פּלאַץ און האָב געדענקט איך וועל שוין מער ניט דאַרפן און איך האָב ניט געענטפערט איך האָב ניט געוואָלט מאָריסן באַשווערן. ער האָט געגוג אויף זיין קאָפּ, ער

דאַרף נאָך מיך אויך? אין עטליכע טעג אַרום קומט אריין אַ באַקאַנטער מענטש, ער וויל איך זאָל פאָרן מיט אים אין שטאָט, איך וויל ניט. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געלט פאַר מיר. אָבער נאָך וואָס זאָל איך פאָרן אין שטאָט? האָט ער געזאָגט אז ער דאַרף עס ארויסנעמען פון דער באַנק. איך בין מיטגעפאָרן. מיר זענען אריין אין באַנק, ער האָט מיר געגעבן צוויי הונדערט דאָלאַר. איך האָב אים געפרעגט אויב איך בין אים עפּעס שולדיק, האָט ער געזאָגט, ניין! אויב יאָ, נעם צוריק דיין געלט, איך וועל זיך באַגיין אָן דעם. איך האָב עס אריינגעלייגט אין אַ באַנק. עטליכע חדשים שפּעטער האָב איך עס צוריק געשיקט...

איך בין געווען ביי אַ מיטינג ביי די ברעזשינער און לאָדזשער סאָסייעטי. עס האָט ווער פאָרגעשלאָגן אז מען זאָל שיקן פופציק דאָלאַר קיין ברעזשין אויף פּסח, האָט מען עס צוריק־געוויזן ווייל מיר זענען ניט קיין ברעזשינער סאָסייעטי, עס איז אויך דאָ לאָדזשער, אז מען וויל זיין גערעכט, שיקט מען היינט צו ברעזשינער און אַן אַנדער מאָל צו לאָדזשער. אזוי ווי איך בין געווען זייער אַקטיוו אין ניו יאָרק אין דער הילפס קאָמיטעט האָב איך געטראַכט וועגן אַ ברעזשינער קלוב אין לאָס אַנגעלעס. איך האָב זיך דורכגערעד מיט ברעזשינער, זיי זענען אַלע געווען שטאַרק באַגייסטערט מיר זאָלן האָבן אַ ברעזשינער קלוב. איך האָב געבעטן אַדרעסן פון ברעזשינער און האָב ארויסגעשיקט קאַרטלעך. עס וועט זיין ביי מיר אין הויז אַ פאַרזאַמלונג. ביי דעם ערשטן פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מיר זאָלן האָבן אַ ברעזשינער הילפס קלוב. אַלע זענען געווען זייער ענטוזיאַסטיש, מיר האָבן זיך געפילט ווי אַן אייגענע משפחה און מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ קאָרד פּאַרטי. ביי דער ערשטער קאָרד פּאַרטי האָט מען געמאַכט הונדערט דאָלאַר פּראָפיט. איך האָב דערקלערט דעם געדאַנק פון אַ ברעזשינער הילפס קלוב. דאָס ערשטע אויב מיר פילן צו העלפן אונדזערע לאַנדסלייט, באַדאַרפן מיר ניט בעטן ביי אַנדערע ווייל זיי האָבן ניט דעם געפיל וואָס מיר האָבן צו אונדזערע אייגענע. אויב עס וועט קומען אַ לאַנדסמאַן זאָל ער האָבן אַן אדרעס צו ווענדן זיך צו ווענדן פאַר אַן עצה און מעגליך אויך פאַר הילף, אָדער אַרבעט. איך האָב אָנגענומען איך בין אין אַ פרעמדער שטאָט, עס איז אַ שלעכטע צייט. גיין צוריק, ניין! אזוי האָב איך געפילט ווען איך בין געקומען אין אַמעריקאַ. עס איז מיר געווען גענוג שלעכט, נאָר ווייל איך בין געווען אַ פרעמדער, עס איז געווען אַרבעט, איך האָב ניט געקענט די שפּראַך. איך האָב געמוזט אָנקומען צו די מענטשן וואָס זענען שוין געווען אין דעם לאַנד אַ שטיקל צייט. עס איז געווען אָנגענומען אז אַ פרעמדען, אַ גרינעם דאַרף מען אויסנוצן, עקספּלאָטירן וויפיל מען קען, עס האָט געמעגט זיין אַן אייגענער. יעצט בין איך שוין 28 יאָר אין אַמעריקאַ, איך האָב געקאָנט ריידן ענגליש וויפיל עס איז נויטיק געווען צו קריגן אַרבעט. עס איז געווען אַ שווערע צייט מוז מען האָבן געדולט. עס וועט אַלע מאָל אַזוי ניט זיין. איך מוז מיט־לעבן מיט דער צייט. אַך, ווי שווער עס איז צו ליידן הונגער!

מיין פריינט און איך זענען געקומען וויזיטן גוטע באַקאַנטע וועלכע מיר האָבן געקענט פון ניו יאָרק, מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין איין שאַפּ. מיר זענען אריינגעקומען זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט, מען האָט אונדז פאַרבעטן צו די וועטשערע, אָוועגט ברויט. מיר האָבן מיטגעגעסן. ווען מיר זענען געווען אויפן וועג אַ היים צו גיין, האָט מען מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער: אויב איך וויל מיטעסן מיט זיי אַ וועטשערע זאָל איך קומען אליין. איך האָב גלייך געענטפערט אז איך וועל מער ניט קומען. איך געדענק זייער גוט צו קוקען אויפן זייגר ווען איך וויל גיין וויזיטן. כמעט אַזעלכעס האָט נאָך אַמאָל פּאַסירט. ווען איך מיט אַ פריינט זענען געקומען זונטיק בייטאָג צו אַ פריינט ייי איך דענק קען זיין אַז מיר האָבן זיי געשטערט, זיי האָבן געוואָלט עסען. איך

האָב עס באַמערקט און אָנגעהויבן גיין א היים, האָט מען מיר געזאָגט אויב איך וויל קומען עסען מיט זיי זאָל איך קומען אליין. ווי נאָך אחוץ לאָס אַנגעלעס האָט מען געהערט אַזעלכעס? ביי אונדז אין דער היים אין פוילן איז געווען אַ גאַנץ יאָר פּסח. ווער עס איז געקומען האָט געהאַט וואָס צו עסן. שבת איז אַלע מאָל געווען געסט. קינדער האָבן געבראַכט זייערע פריינט. אין מיין הויז אין ניו יאָרק, גלייך ווי מיר האָבן געהאַט אן אייגען וואוינונג, איז יעדן זונטיק געווען פול מיט פריינט, געגעסן מיט צופרידענהייט און מיט פריינטשאַפט.

דער ברעזשינער הילפס קלוב האָט אריינגעבראַכט לעבן צו די לאַנדסלייט. עס איז געוואָרן אינטערעסאַנט, מען האָט געהערט אַ ניי וואָרט, מען האָט זיך ניט געשעמט מיט אונדזער אידישע שפּראַך אין נאָר אידיש. מיר האָבן באַשטימט זיך צוזאַמען קומען איין מאָל אין א חודש, אָבער מען האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אַזוי לאַנג, האָט מען געמאַכט איין מאָל אין דריי וואָכן.. זומער האָט מען געמאַכט פּיקניקס. מיר האָבן צוגעגרייט גאַנצע מאָלצייטן. עס האָט זיך געפאָדערט גרויסע אָנשטרענגונג, אָבער עס איז געטאָן געוואָרן מיט ליבשאַפט, פרייוויליג, ניט געצוואונגענערהייט. עס איז אַלע מאָל דערפאָלגרייך געווען. אום ווינטער איז געווען קאָרד פּאַרטיס, מען האָט צוגעגרייט אַ גוטן מאָלצייט, נאָך דעם מאָלצייט ווער עס האָט געוואָלט האָט געשפּילט אין קאָרטן אָדער שמו־עסן אינטערעסאַנטע געשפּרעכן אין די לאַנגע ווינטער נעכט. מיר זענען זיך צו־זאַמענגעקומען אין אַלע אידישע יום טובים, מען האָט דערקלערט פון וואַנען עס שטאַמען די אידישע ימים טובים, איז עס היסטאָריש אָדער נאַציאָנאַליסטיש, אָדער רעליגיעז און אַמאָל אלעס צוזאַמען. עס האָט זיך געמאַכט אייפאַרזוכט ביי די עלטערע סאָסייעטיס, ווייל פיל מענטשן זענען געקומען צו דעם קלוב ווען מיר האָבן געהאַט אן אונטערנעמונג און צו זייערע קומט מען ניט, ווייל דער קלוב האָט געמאַכט בעסערע מאָלצייטן און זיי זענען געווען געשעפטס־מענטשן, זיי האָבן געוואָלט מאַכן א סך געלט. אַזוי איז געוואָרן אַ קאַלטער קריג. ווען דער ברעזשינער הילפס קלוב האָט געפייערט זיין פינף יאָריקן עקזיסטענץ מיט אַ באַנקעט איז עס געווען אַ פיינער יום טוב. מיר האָבן געהאַט געסט, עס איז אריינגעקומען געלט, מיר האָבן ניט געמאַכט קיין ספּעציעלע זאַמלונג, נאָר מען האָט געהערט דעם רעפּאָרט פון די פינף יאָר ארבעט, האָבן געסט און פריינט פון ברעזשינער געגעבן געלט אז מיר זאָלן ווייטער טאָן די זעלבע ארבעט. און די משפחה האָט זיך פאַרגרעסערט. אונדזערע מיטגלידער האָבן געמאַכט חתונות, אַלע זענען געקומען און מיר האָבן ווירקליך פיין פאַרבראַכט.

אין מיטן אונדזער בעסטער ארבעט איז אריינגעקומען א שטערונג: די צווייטע וועלט מלחמה האָט פאַרשטערט אונדזערע שמחת. פון יעדן הויז האָט מען ארויסגענומען א קינד, אַמאָל מער. איבערהויפּט האָט עס געטראָפן די אומ־גליקליכע מאַמעס. מען האָט געוואָלט אַ ביסל פרייליך מאַכן אונדזערע קינדער, האָט דער קלוב ארויסגעשיקט צו די יונגע סאָלדאַטן א ביסל נאַשערייען. ווען זיי האָבן עס דערהאַלטן האָבן זיי זיך געטיילט מיט זייערע פריינט אין די קעמפּס און האָבן זיך געמאַכט פרייליך. דער צווייטער וועלט קריג האָט זיך ארויסגעוויזן זייער שלעכט אין אָנהויב. מיר האָבן נאָך ניט געהאַט פאַרגעסן די ערשטע וועלט מלחמה, מיר האָבן נאָך קיין רו געהאַט. עס איז נאָך ניט קיין 25 יאָר ווי די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך געענדיקט און מיר זענען שוין ווידער אין אַ פייער און ווידער דייטשלאַנד קעגען אַמעריקע און זייערע ארויסהעלפערס — די יאַ־פּאַנטשיקעס. די יאַפּאַנעזער האָבן געשיקט מענטשן מען זאָל ריידן וועגן פרידן, הונטען ארום זענען זיי באַפאַלען אַמעריקאַ ווי בייזע אנגערייצטע הינט, ווי די דייטשן זענען באַפאַלן אייראָפּא מיט זייער בליץ קריג.

זיי האָבן געמאַכט שרעקליכע שאָדענס. אויב מען טראַכט ווען מען האָט

באָמבאָמבאַרדירט יאַפּאַן מיט אַן אַטאָם באָמבע און חרוב געמאַכט אַ גרויס שטיק לאַנד און פיל פון זיי זענען אומגעקומען. עס איז געווען מענטשן וואָס האָבן געדענקט אַז מען האָט עס ניט באַדאַרפט טאָן. מען האָט זיי באַצאָלט מידה כנגד מידה. מיר האָבן ניט פאַרגעסן פּוירל האַרבאָר וואָס זיי האָבן דאָרט אָבגעטאָן. מיר זענען אין יענער צייט ניט געווען אין קריג, מיר האָבן זיך ניט געריכט אויף דעם. עס איז געווען אַ געהיימער אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. עס קען אויך זיין ווען ניט די אַטאָם באָמבע וואָלטן מיר פילייכט דעם קריג ניט געוואונען. מיר האָבן געדאַרפט זיך פאַרטיידיקן קעגן די ווילדע היישעריקן. היטלער, ימח שמו, האָט אָנגעפירט צוויי מלחמות, דאָס ערשטע אין איראָפּאַ און גאַנץ באַזונדער מיט אונדז אידן. ער האָט פאַרנומען שטעט און לענדער, און וואו ער איז נאָר געקומען איז דאָס ערשטע געווען די פאַרניכטונג פון די אידן. אזוי ווי המן האָט ער געטראַכט צו טאָן. די אידישע וועלט אין אַמעריקא האָט ניט געוואוסט די גרויזאַמקייט וואָס עס קומט פאָר אין איראָפּאַ. עס זענען דאָ קלאַנגען אז די רעגירונג אין יענער צייט האָט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין איראָפּאַ. מען האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיק, זיי האָבן געשוויגן ביז נאָך דער מלחמה. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך פאַר אונדז געעפענט דער איראָפּייאישער גהינם. יעדען טאָג איז געוואָרן טונקלער פאַר אונדזערע אויגן ביז עס איז געוואָרן שוואַרץ. ווען בריף האָבן אָנגעהויבן קומען פון פּוילען האָבן מיר ערשט געזען דעם חורבן וואָס איז דאָרט געשען. עס איז נאָר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן זייער ווייניק אידן, אויך נאָר די ווי דורך אַ נס האָבן זיי זיך געראַטעוועט. זיי זענען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט אויף זוכן זיי. איך האָב געשריבן בריף און געשיקט טעלעגראַמעס, אָנגעפרעגט זיך ווער עס דאַרף הילף זאָל זיך ווענדען אויף מיין אַדרעס. עס זענען געקומען בריף פון דייטשלאַנד. זייער אַ קליין צאָל אידן האָבן זיך געראַטעוועט. מיר האָבן זיך געגרייט צו העלפן מיט אַלע מעגליכ־קייטן דורך דעם ברעזשינער הילפס קלוב. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע פאַבריק. מיר האָבן איינגעקויפט שפייז וואָס ווערט ניט קאַליע: מעל, רייז, אַר־בעס, זייף, הערינג אין שאַכטליך און געטריקענטע פרוכט. מענער האָבן געפּאַקט און פרויען האָבן געשריבן אַדרעסן און קאַרטלעך. יעדעס פּעקעל האָט געהאַט עטליכע קאַרטליך אָנגעשריבן אחוץ אויף דעם פּעקעל. ווען עס איז געווען אָנגעשריבן האָט מען עס גענומען אויף דער פּאָסט. אַלע פּעקלאַך האָבן געדאַרפט זיין גלייך, ניט איינעם מער און איינעם ווייניקער. אין די ספּעציעלע אַרבעט זענען געווען אַקטיוו ניט מער וויפיל פינגער עס געפינט זיך אויף איין מענטש־ליכע האַנט, אַלעס איז געווען באַריכטעט ביי יעדער פאַרזאַמלונג וויפיל מען האָט איינגעקויפט און וואָס מען האָט אוועקגעשיקט. ווען מיר האָבן דערהאַלטן בריף פון די מענטשן וואָס מען האָט געשיקט שפּייז אז זיי האָבן עס דערהאַלטן איז עס געווען פול מיט לויב־געזאַנג און גרויס דאַנקבאַרקייט. זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי שיקן די נעמען ווער עס שיקט די פיינע שפּייז פּעקלעך. אַנדערע האָבן געשריבן מען זאָל שיקן פאָטאָגראַפיעס, זיי ווילן זען די מענטשן וואָס שיקן די פּעקלעך. איך האָב נאָך פיל בריף ביי זיך היינט. מיר האָבן דערהאַלטן בריף פון פּאַריז אויב מעגליך זאָל מען זיי שיקן ניי מאַשינען. מען האָט געשיקט דורך ניו יאָרק און ניו יאָרק האָט געשיקט דורך די אָרגאַניזאַצ יע„אָרט”. מיר האָבן געדאַרפט שיקן געלט קיין ניו יאָרק. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען עטליכע יאָר. דאָס ערשטע איז געווען דייטשלאַנד, שפּעטער אין פּאַריז, לעצטענס קיין ישראל. פון דאָרט זענען מיר נאָך ניט פריי. כי מציון תצא תורא — פון אַמערי־קא גייט ארויס הילף. מיר האָבן דערהאַלטן אַ בריף פון ניו יאָרק אַז זיי ווילן פאַראייניקן די הילפס ארבעט פון אַמעריקא אין אַ צענטער, דער צענטער זאָל

זיין ניו יאָרק. עס וואָלט פּילייכט געווען גוט. ווען אַזאַ אָרגאַניזאַציע קומט אריין דארף מען האָבן גרויסע אויסגאָבן, מען דאַרף האָבן אַ שטענדיקן סעקרעטאַר, אַן אָפיס און „מענעדזשער". מיר האָבן געשיקט האַנט־געלט, — דריי הונדערט דאלאר, אַן אָנהויב; אַ צייט שפּעטער בין איך געווען אין ניו ינרק, עס האָט מיר אויסגעזען צי זיין ניט שלעכט. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר שיקן באַריכטן יעדען חודש. ווען איך בין געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס האָב איך איבערגעגעבן אַז עס זעט אויס צו זיין גוט. איך האָב געפילט עס וועט זיין א ביסל לייכטער פאַר אונדז. מיר האָבן געשיקט טויזענט דאלאר. ווען די ערשטע באַריכטן זענען געקומען בין איך שוין ניט געווען צופרידן. וואָס האָט פּאַסירט? מיר האָבן געזאַמעלט קליידער פּאַר אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל. דער סעקרעטאַר, זייענדיק אַ ציוניסט, האָט געשיקט די קליידער צו די ציוניסטן אין ישראל. ווען אַ לאַנדסמאַן איז געקומען אין ישראל און האָט געבעטן מען זאָל אים געבען פון די קליידער האָט מען געפרעגט אויב ער איז אַ ציוניסט. ווען ער האָט געזאָגט ניין, האָט מען אים גאָר ניט געגעבן. ער האָט עס געלאָזט וויסן אין ניו יאָרק וועגען דעם, האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט אַז די ציוניסטן וועלן באַצאָלן פּאַר די קליידער. עס איז געווען א טעות. און נאָך ניט ריכטיקע האַנדלונגען: דער סעקרעטאַר האָט געשיקט קיין איטאַליע געלט, מען האָט עס געדאַרפט איינטיילן צו די לאַנדסלייט, האָט דער וואָס האָט געקראָגן דאָס געלט איז געווען אַ פריינט צו דעם סעקרעטאַר, האָט ער גענומען דאָס געלט און איז געפאָרן קיין ישראל און מיר האָבן גלייך אָפּגעבראָכן די געמיינזאַמע האַנדלונג. ווען מען האָט זיך געווענדעט קיין ניו יאָרק נאָך הילף האָט דער סעקרעטאַר געשיקט די אַדרעס קיין לאָס אַנגעלעס. אויב עס איז א חבר האָבן זיי געשיקט הילף און אויך מיין אַדרעס מען זאָל שיקן פּו דאָ אויך הילף, ווען עס איז ניט געווען קיין חבר האָבן זיי גאָר ניט געגעבן נאָר געשיקט די אדרעס קיין לאָס אַנגעלעס. דאָס זענען די גרויסע אָרגאַניזאַציעס. זיי זאָגן אַז מען האָט האָלץ פאַלט שפּע־נער. אין לאָס אַנגעלעס פון דעם ברעזשינער רעליף הילפס קלוב איז קיין שפּע־נער ניט געפאַלן. מיר, אַזאַ קליינע גרופּע, האָבן געטאָן פיל בעסערע ארבעט ווייל קיין שפּענער זענען ביי אונדז ניט געפלויגן.

איך האָב געטראַכט צו פאָרן קיין ישראל. איך האָב געהאַט אַ ברודער דאָרט. אריבער 25 יאָר האָבן מיר זיך ניט געזען. מיר האָבן זיך דורך געשריבן ווי ברידער. ער, מיין ברודער איז געווען אַ ציוניסט, איך בין געווען אַ סאָציאַ־ליסט. ער האָט ביי זיך געטראַכט אַז איך בין טריפה, אָבער מיר זענע דאָך ברי־דער און ברידער צווישן זיך קאָנען האָבן מיינונגס פאַרשידענהייטן און דאָך זיין געטרייע ברידער. דערוויסענדיק פון זיינע בריף אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענטש, האָב איך מיט אים זיך געוואָלט זעען און דורכריידן זיך מיט אים און אויך זען זיין פאַמיליע. ווען די אַראַבער זענען באַפאַלן ישראל, טראַכטענדיק אַז זיי זענען אַ מערהייט און די אידן זענען זייער ווייניק אין צאָל וועלן זיי די אידן ארייַנשטופּן אין ים. איך האָב דערהאַלטן אַ בריף פון מיין ברודער ווען די מלחמה האָט פאַר אַ ווייל זיך אָפּגעשטעלט. עס איז ניטאָ קיין וואַסער אין ירושלים. אויב די מלחמה וועט זיך ווידער אָנהייבן וועט ער עס ניט אויסהאַלטן. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָב איך זיך געגרייט צו פאָרן קיין ישראל זעען זיך מיט מיין ברודער. איך האָב אים ווייניק געקענט. איך האָב געמאַכט אַ פּאַס. ווען עס איז דורכגעגאַנגען עטליכע וואָכן און האָב ניט געהערט פון מיין ברודער, האָב איך געשריבן צו אַ פריינט אין ישראל. איך האָב זיך אָנגעפרעגט ביי דעם ישראל קאָנסול. עס האָט גענומען עטליכע וואָכן. איך האָב זיך דער־וואוסט אַז מיין ברודער לעבט שוין ניט. מיין חלום איז ניט פאַרווירקליכט גע־וואָרן. איך בין געווען שטאַרק פאַרצווייפעלט און געטראַכט וואָס זאָל איך יעצט

טוען? איך האָב זיך אָנגעפרעגט ביי מיינע פריינד אין ניו יאָרק, האָבן זיי מיר געשריבן איך זאָל פאָרן זען די פרוי מיט די קינדער. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל. מען האָט מיר געגעבן געלט פאַר עטליכע פאַמיליעס, אין פאַריז און אויך פאַר ישראל. זייענדיק אין ניו יאָרק האָבן זיי פאַרלאַנג אַ באַריכט פון מיין רייזע. ווען איך בין געקומען אין פאַריז האָט מיך מיין אינגסטער ברודער אָפּגעוואַרט. מיר האָבן זיך 29 יאָר ניט געזען. ער האָט מיך ניט דערקענט. ווען ער האָט געהערט מען רופט מיין נאָמען איז ער גלייך צוגעקומען. איך האָב גע־פרעגט: שלמה? אַזוי האָבן מיר זיך דערקענט. מיר זענען צוזאַמען אַ היים געפאָרן צו אים אין זיין היים.

עס איז געווען שפּעט ביי נאַכט. מיר האָבן געטרינקען אַ גלאָז טיי און זיך געלייגט שלאָפן. יעצט האָב איך דערפילט אַז איך בין אין אייראָפּאַ. אין דער פרי האָב איך געזען זיין פרוי און קינד. איך האָב געבענטשט אמעריקא. מיר האָבן געהאַט אָנבייסען און מיר זענען ארויסגעגאַנגען אין גאַס. איך האָב גע־בעטן ביי מיין ברודער ענטשולדיגונג, איך וויל האָבן אַהאָטעל צום שלאָפן. מיר האָבן גענומען אַ האָטעל ניט ווייט פון מיין ברודער. פריינט וועלכע זענען גע־קומען מיך זען זענען זיי געקומען צו מיין ברודער. איך האָב געזען מיין עלטערן ברודערס אַ זון און אַנדערע פון אונדזער אַלטער היים. איך האָב געהאַט איבער־צוגעבן געלט וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן פאַר זיי. זיי האָבן דערציילט ווי שרעקליך דער היטלעריזם, ימח שמום, איז געווען אין פאַריז מיט די אידן וואָס וואוינען דאָרט, אָדער בעסער געזאָגט, — וואָס האָבן געוואוינט דאָרט. די מענטשן זענען געווען שטאַרק אָפּגעשראָקן, זיי האָבן געציטערט עס זאָל ניט אופסניי קומען צו א קריג אין אייראָפּאַ. זיי האָבן געזוכט וועגען צו אַנטלויפן פון דעם לאַנד און פון זיך און ניט בלייבן און איבערלעבן די שרעקליכע בילדער וואָס זיי האָבן שוין איינמאָל איבערגעלעבט און נאָר ווי דורך ניסים געראַטעוועט זיך.

מען האָט געכאַפּט אידן אַזוי ווי אַ היצעל האָט געכאַפּט הינט און ארויס־געשיקט קיין דייטשלאַנד. די מענטשן וועלכע מען האָט ארויסגעשיקט האָבן קיין שאַנס ניט געהאַט צוריק צו קומען.

פון פאַריז בין איך געפאָרן קיין מארסעל און ווידער האָב איך געבענטשט אמעריקא. מען דאַרף פאָרן אויף דער באַן איבער אַ נאַכט; מען גייט ניט דורך די טירן ווי מענטשן גייען, נאָר מען שפּרינגט דורך די פענצטער, אָנגעפּאַקט איינער אויף דעם צווייטן. אין דער פרי זענען מיר געווען אין מארסעל. מיר האָבן גענומען אַ טאַקסי צו דער שיף. עס איז געוואָרן א ביסל פריילעך אויפן הארצן, — איך האָב געזען א אידישע שיף מיט דעם נאָמען „נגבה". ווי עס וועט שוין זיין, אָבער מיט אידן צוזאַמען. עס איז געווען אידיש מיט אַלע קלימ־פּערליך. עס זענען געפאָרן פיל אידן פון אַפריקא. ריידן צו זיי האָט מען ניט געקענט, זייער שפּראַך איז געווען אַראַביש, בלויז עטליכע ווערטער אין העברע־איש אָדער אין פראַנצויזיש. די מערסטע זענען געווען יונגע מענטשן, זיי זענען געשלאָפן אויפן דעק פון דער שיף. מען האָט געזאָגט אַז זיי זענען ניט צוגע־וואוינט צו שלאָפן אין אַ בעט. עס איז געווען אידישליך, קיין אַנדערע אויף דער שיף. ווען עס איז געקומען פרייטיק אויף דער נאַכט האָט מען ביי דעם טיש געזונגען שלום עליכם. דער משגיח האָט געמאַכט קידוש. עס האָט אויסגעזען ווי אין אַן אַלטן בית מדרש. ס'איז ניט געווען אַן ערשט־קלאַסישע שיף. דער טיש איז געווען געגרייט זייער אָרים און ניט שבתדיק. עס איז נאָך געווען ווייט פון אַן ענגלישע טוריסט קלאַס, עס איז אָבער אידיש. איך בין געווען צופרידן מיט דער אַטמאָספערע — היימיש אידיש. אידיש. עס קען זיין מען האָט גענוצט דעם געדאַנק אַז איר זייט צווישן אידן. עסן וועט איר ווען איר וועט זיין אין אייער

אייגענער היים. מיר דאַרפֿן זיין צופרידן וואָס מיר האָבן דערלעבט צו פאָרן אויף א אידישע שיף קיין ארץ ישראל. די לעצטע נאַכט אויף דער שיף האָט מען געדאַרפט פרעגן מה נשתנה. ווען מיר זענען שוין באַלד געווען פארטיק מיטן עסען אָווענט ברויט, האָט מען געפרעגט אויפסניי וואָס מיר ווילן עסן. מען האָט געבראַכט וואָס איינער האָט געוואָלט. איך האָב געטראַכט, פאַרוואָס האָבן זיי עס באַהאַלטן פאר היינט? עס האָט פיל מאָל געפעלט.

דעם פינפטן טאָג האָבן מיר פון ווייטן געזען דעם הר הכרמל. כמעט אלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און געזונגען די התקוה. עס איז געווען געפילפאל. איך האָב זיך געפילט זייער גוט, מיר קומען אריין אין ארץ ישראל. איך האָב זיך באַקאַנט מיט דעם דאַמאָלסדיקן מעיר פון חיפה. איך האָב געלייענט פאר אים מיין אני מאמין. ער האָט מיך געפרעגט אוי ב איך שרייב עברית, האָב איך געזאָגט, ניין. האָט ער געבעטן איך זאָל אים געבן אַ קאָפּיע און ער וועט עס איבערשרייבן אויף עברית.

ווען מיר זענען ארויסגעגאַנגען פון דער שיף האָט מען ביי מיר געבעטן 500 דאלאר, זיי ווילן מיר געבן פונטן, אָבער זיי האָבן מיר געגעבן פאר הונדערט דאלאר פונטן און אַ קבלה פאר 400 דאלאר און איך זאָל גיין אין אַ באַנק וועט מען מיר געבן די פונטן. עס איז געווען עטליכע טעג פאר ראש השנה, בין איך געבליבן אין חיפה ביז איבער יום טוב. איך האָב געהאַט אן אַדרעס צו אַ קאָ־זינעס א טאָכטער, האָב איך געגעבן אַ מאַן דעם אדרעס. אין א קורצע צייט איז ער געקומען מיט אַ יונגע פרוי וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם היט־לעריזם, ימח שמו. מען האָט איר געקענט דערקאָנען אַז זי איז פון מיין משפחה. איך בין געווען אין אַ האָטעל. עס איז געווען צו ווייט פון איר צו גיין. יום טוב קען מען ניט פאָרן. זי האָט געוואָלט איך זאָל זיין ביי איר יום טוב, האָט זי געבעטן איך זאָל נעמען אַ האָטעל נעענטער צו איר. איך האָב זיך איבערגע־צויגן נעענטער צו איר היים. איך בין אריין געגאַנגען אין אַ באַנק און געבעטן מען זאָל מיר געבן דאָס געלט ווייל איך דאַרף אַוועקפאָרן, האָבן זיי מיך גע־פרעגט וואוהין וויל איך פאָרן. איך האָב געזאָגט תל אביב, האָבן זיי געזאָגט איך קען דאָרט אויך קריגן מיין געלט. איך בין אַוועק מיט מיין משפחה. עס איז לייכט ניט אָנגעקומען קריגן עסן פאר מיר אויף יום טוב, אָבער מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פריילעכן יום טוב. אויף מאָרגן נאָך יום טוב האָב איך געוואָלט פאָרן קיין תל אביב. איך האָב געקויפט אַ בילעט אויף דער באַן, אָבער ווער קען עס אריין אין דער באַן? מען דאַרף שפרינגען דורכן פענצטער. מיין קאָ־זינע איז אריין דורכן פענצטער. איך האָב איר געגעבן די וואַליסקע. זי האָט עס אריינגענומען דורכן פענצטער. איך האָב אויך געמוזט אריין דורכן פענצטער. א איד פון 65 יאָר שפרינגט אריין דורך אַ פענצטער אָבער ניט פאָרן. קיין פלאַץ צו זיצן איז ניט געווען, בין איך געזעסן אויף מיין וואַליסקא, די מערסטע פאָרער זענען געווען היטלערס קרבנות, האָב פאַרדרות אויף זיי?

זיי זענען געווען געוואוינט זיך צו ראַטעווען. אַזוי האָבן זיי זיך געראַטעוועט דאָ אין דער באַן. ווען די באַן האָט אָנגעהויבן צו גיין האָבן זיי זיך געראַטעוועט. די באַן איז געוואָרן אַ רעסטאָראציע, מען האָט געגעסן זייער געשמאַק. זיי האָבן געפרעגט פרוואָס איך עס ניט, האָב איך געזאָגט אַז איך וועל עסן ווען איך וועל קומען אין תל אביב. ניט אַזוי לייכט בין איך געקומען אין תל אביב. איך האָב ניט געהאַט קיין אַדרעס ביי וועמען זיך אָפּצושטעלן. איך האָב געוואָלט אריין אין א האָטעל. עס איז געקומען אַ מאַן מיט אַ טעקסי. ער האָט מיך געפרעגט וואוהין איך וויל פאָרן — אין א האָטעל אין תל אביב, האָב איך אים געזאָגט. מען האָט זיך אָנגעפרעגט אין עטליכע האָטעלס, עס איז ניט געווען קיין פלאַץ פאר

אַ מענטשן אָן אַ טיטעל, כמעט אַ פּרעזידענט פון אַ סאָסייעטי, אָדער א וויצע פּרעזידענט פון אַ באַנק. מען האָט אונדז אָנגעגעבן אַן אַדרעס פון אַ פּריוואַט הויז. מען האָט אָנגעקלאַפּט; עס איז ארויסגעקומען אַ גרויסער הונט מיט אַ פרוי. איך האָב מורא פאר הינט, איך געדענק זיי נאָך פון ברעזשין, נאָר דער טעקסי מאַן האָט שוין ניט געוואָלט פאָרן מיט מיר, עס איז שוין נישטאָ קיין פּלאַץ אין קיין האָטעל. ער האָט געבעטן פינף דאלאר. איך האָב באַצאָלט און אריין מיטן הונט, און דאָ האָט דער הונט ניט געוואָלט ליידן מען זאָל אריינעמען פרעמדע מענטשן; ער האָט אזוי אויך ניט וואָס צו עסן. מען נעמט אריין א פרעמדען, וואָס וועט בלייבן פאר אים? מען האָט מיר געגעבן אַ שטוב, ניט אין גאַנצן באַזונדער, אָבער וואָס האָב איך דען געקענט טוען? עס איז נאָר געציילטע צוואַנציק טעג, וועט מען איבער קומען. איך האָב זיך באַרואיגט. איך האָב געזוכט אויב איך האָב אַן אדרעס אין דעם געגענט. איך האָב געפרעגט דער פרוי פון הויז. זי האָט געזאָגט עס איז דריי גאַסן. די פרוי איז מיט מיר געגאַנגען און מיר האָבן ניט געטראָפן. אַ מאַן וואָס האָט געהאַט אַ שפּייז געוועלב האָט באַמערקט אַז מיר זוכן ווער, האָט ער געפרעגט וועמען מיר זוכן, האָב איך געזאָגט פישעל קראונגראד, האָט דער מאַן געזאָגט אַז ער הייסט ניט מער פישעל קראונגראד און וואוינט ניט דאָ. ווען מיר האָבן געוואָלט אַוועק גיין האָט ער ניט געלאָזט, נאָר מען זאָל וואַרטן. ער האָט טעלעפאָנירט און איך האָב גלייך גערעד מיט פישעל קראונגראד. איך האָב אים געזאָגט איך קום פון אמעריקא און האָב געבראַכט גרוסן פון פישעל מאליניאק און פון פישעל קראינגראד פון פראַנקרייך און ווער איך בין. איך האָב געקענט זיינע עלטערן זייער גוט. האָט ער מיך געבעטן איך זאָל צו זיי קומען ארום זיבן א זייגער אין אָוונט, איך וועל זיין אַ גוטער גאַסט אין זיין הויז. איך בין ארויסגעפאָרן און מיר האָבן פאַרבראַכט עטליכע שעה מיט מענטשן וואָס מיר האָבן קיינמאָל פריער זיך ניט געזען. איך האָב אים דערציילט איך האָב געדאַוועט אין אָסטראָוועצער שטיבעל פיל יאָרן צוזאַמען מיט מיין פאָטער און אויך מיט זיין פאָטער און יהודה און יעקב הערש קראונגראד. ער האָט מיר געזאָגט אַז זיין פאָטער איז געווען זייער נאָענט מיט דעם אסטראָווצער רבין.

איך בין צוריק אַ היים געפאָרן. ער איז מיט מיר מיטגעפאָרן, ניט געלאָזט מיך אליין פאָרן. ער איז אריין אין מיין הויז וואו איך האָב געוואוינט. ער האָט מיר געדאַנקט וואָס איך האָב אים מהנה געווען מיט אַ וויזיט. דאָס איז געווען דער ערשטער וויזיט אין דעם ערשטן טאָג אין תל אביב. איך האָב אים געבעטן ער זאָל לאָזן וויסן אַז איך בין דאָ און איבערגעבן מיין אַדרעס. אויף מאָרגן בין איך געגאַנגען אין אַ באַנק מען זאָל מיר געבן מיין געלד. האָבן זיי געבעטן איך זאָל קומען מאָרגן. בין איך אויף מאָרגן ווידער געגאַנגען, מען האָט ווייטער אָפּגעלייגט ביז דעם דריטן מאָל. איך האָב געדאַרפט דאָס געלד איבערגעבן וואָס מען האָט מיט מיר מיטגעשיקט, האָב איך זיי געפרעגט פארוואָס מען גיט מיר ניט מיין געלט, האָבן זיי געזאָגט זיי האָבן עס ניט, אפשר איז דאָס פאלש געלט. האָב איך געבעטן מען זאָל מיר געבן פאַלש געלט, איך בין צופרידן עס צוריק צו נעמען. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין באַנק האָב איך שוין גערעט שאַרפער און נאָר ענגליש. ווען זיי האָבן ווייטער פּרובירט אָפּצולייגן, בין איך שוין געווען בייז און געפרעגט: גיט איר מיר מיין געלט, אָדער ניט? איז צוגעקומען אַ באַאַמטער פון דער באַנק און האָט מיר געוואָלט געבן פאר הונדערט דאלאר פונטן. האָב איך געזאָגט, ניין, איך וועל ניט נעמען. האָט ער נאָך געהאַט א חוצפה מיך צו פרעגן וואָס איך וועל טוען ווען מען וועט מיר ניט געבן דאָס געלט!

איך האָב פיל ניט געטראַכט און געזאָגט אז איך וועל גיין צום אַמעריקאַנעם

קאָנסיל, ער וועט מיר געבן געלט, ווייל איך דאַרף עס. ערשט דאַן האָט ער מיר געוואָלט אַ העלפט געבן. איך האָב איינגעשטימט. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען האָבן זיי גלייך מיר געגעבן די געלט. זיי האָבן געטראַכט עס איז אַ מצוה פון אַמעריקאַנער צונעמען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, מעג זיין ביי אַן עלטערן אַרבעטער, זיי האָבן לייכט געלט. עס איז געקומען אַ יונגער מאַן וואָס איך האָב נאָך אים געשיקט. איך האָב אים געגעבן עטליכע פונט. ער האָט געזאָגט ער איז געווען ביי צאַלקאָוויטשן געבעטן עטליכע פונט. איך האָב ביי אים געבעטן צאַלקאָוויטשעס אַדרעס. איך בין אַרויס און געקויפט אַ מאַפּע פון תל אביב און האָב עס באַטראַכט און בין אַרונטער געגאַנגען צו צאַלקאָוויטשן. אין דעם הויז איז געוואָרן אַ שמחה און אַ פרייד. ווי אַזוי ביזטו אַהער געקומען? האָב איך זיי געזאָגט איך בין שוין דאָ עטליכע טעג. איך האָב געבעטן פישעל קראַנ־גראַד ער זאָל איבערגעבן אַז איך בין דאָ, אָבער קיינער איז ניט געקומען. זיי האָבן גלייך געלאָזט וויסן פריינט און לאַנדסלייט. מיין מוטערס אַ קאָזין האָט געוואוינט ניט ווייט, מען האָט מיך צוגעפירט, אַ איד פון אַ יאָר אַכציק. מיר האָבן זיך שטאַרק געפרייט, ווי אייגענע מענטשן. מיר האָבן זיך אַ לאַנגע צייט ניט געזען. מיינע לאַנדסלייט האָבן צוגעגרייט קבלת פנים אויף חול המועד סוכות. יום טוב בין איך געווען ביי אַ לאַנדסמאַן. עס איז געווען פון אַלעם גוטן. אויך דאָרט איז אַריינגעקומען לאַנדסלייט און פריינד. מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט נייע מענטשן און דערקאָנט די אַלטע געוועזענע גוטע חברים נאָך פון די קינדערשע יאָרן. עס איז געווען פון וואָס צו ריידן און שמועסן. מיר האָבן גענומען אַ לאַנגען שפּאַציר אַ היים דאָ וואו איך האָב געוואוינט. אויפן וועג האָט איינער געזאָגט: עס איז שוין שפּעט ביי נאַכט, האָב ניט קיין מורא יעקב, אַלע דאָ זענען אידן. נישטאָ קיין אַנדערע. עס אי זגעווען פריילעך אויפן האַרצן, ניט־אידן זענען דאָ נישט דאָ. ווען איך זאָל באַשרייבן מיין קבלת פנים אין ישראל וואָלט עס געווען ניט עטיש. עס וואָלט באַדאַרפט אַן אַנדערער צו שרייבן. מען איז געקומען פון אַלע שטעטליך אַרום. זיי זענען ניט ענטוישט געוואָרן אין מיר. עס האָט מיר געפעלט מיין ברודער משה צו וועמען איך האָב זיך געגרייט צו פאָרן אים זען. אמווייניקסטן האָב איך געקענט דערוואַרטן זיין פרוי און קינדער, זיי זענען ניט געקומען. מען האָט גענומען פאָטאָגראַפישע בילדער, געמאַכט אַן אָנדענק.

איך האָב פאַרבראַכט נאָר געציילטע טעג אין ישראל. עס איז געווען אַ לאַנגער יום טוב, ווי זאָגט מען אין ישראל: חג שמח. ווען איך בין געקומען האָט מען מירך גערופן יעקב שרה דן אָשר'ס זון. ווען איך האָב פאַרלאָזט, האָב איך שוין געהאַט מיין אייגענעם נאָמען — יעקב פאָגעל. דאָס וואָס איך האָב געוואָלט, ניט ציען מיין יחוס, נאָר מיין אייגענעם איך. מיר האָבן געהאַט אַ קלע־נערן צוזאַמענקופט ביים געזעגענען זיך. עס איז גוט צו זיין אַ גאַסט. איך האָב פיל ניט געקענט, אָבער ווען איך בין אַוועקגעפאָרן, האָב איך געהאַט פיל פריינט. זיי האָבן געבראַכט מתנות. מיט איין וואָרט, — איך בין אַוועק געפאָרן מיט בענקשאַפט.

איך בין צוריק אין פּאַריז מיט מיין ברודער שלמה. איך האָב געהאַט באַ־קאַנטע פון די וואָס מיר האָבן געשיקט שפּייז פּעקלעך. זיי זענען מיך געקומען זען און זיך אויסגעפרעגט וועגן די ברעזשינער וואוינען אין לאָס אַנגעלעס. זיי זענען געווען זייער צופרידן צו הערן אַז די מענטשן לעבן. פון פּאַריז קיין ניו יאָרק דאָ האָב איך געדאַרפט געבן אַ באַריכט וואָס איך האָב געזען אין ישראל און וואָס איך דענק מיר קאָנען טאָן פאַר זיי. אין יענער צייט אין 1949 האָט מען געדאַרפט זייער אַ סך. עס איז געווען אַ ליידיק לאַנד, נאָר די היסתדרות האָט

ניט צו געלאָזט קיין אויסלענדער זאָלן אריין קומען און אינוועסטירן דאָרט געלט, נאָר אויף איין באַדינג: זיי זאָלן זיין שותפים, אומוויי־ניגסטן מיט איין פּראָצענט אַ מערהייט פון די אויסלענדער. ווער האָט עס געקענט אָדער געוואָלט אריינקומען אין אַזאַ געשעפט? ניו יאָרק האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן בויען הייזער אין ישראל פאר אונדזערע לאַנדסלייט. מען האָט געזאָגט אז א דירה דארף קאָסטן עלף הונדערט דאלאר, מען האָט געמאַכט 36 וואוינונגען, באַטרעפט אַן ערך פון פערציק טויזענט דאלאר. ניו יאָרק האָט געמאַכט קאָנטראַקטן מיט א גרויסע בוי־פירמע פון ישראל. מען האָט געשריבן צו אַ קאָמיטע אין ישראל זיי זאָלן אַכטונג געבן מען זאָל אַלעס מאַכן. ווען זיי האָבן געבעטן מען זאָל מאַכן גאַניקס ביי די פענצטער, האָט ניו יאָרק געשריבן מיר האָבן אויך ניט קיין גאניקס און די קאָמיטע האָט געפאָדערט ביי די וואָס בויען האָט מען זיי געענטפערט מיר קאָנען אייך ניט, מיר האָבן קאָנטראַקטן מיט ניו יאָרק, זאָלן זיי קומען וועט מען זיי ענטפערן. עס האָט אויסגעזען וואָס מען וועט מאַכן וועט זיין גוט ווען עס איז שוין באַלד געווען פאַרטיק. מען האָט געוואָלט זיך אריינציִען האָט מען פאַרלאַנגט גרויסע סומעס געלט איינצאָלינג פון די מענטשן וואָס האָבן געוואָלט זיך אריינציִען. עטליכע האָבן איינגעצאָלט צו אַכצען הונדערט פונט. די מערסטע פופצען הונדערט פונט. זעקס אָדער זיבן פאַמיליעס נאָר פינף הונדערט פונט. דאָס איז געווען ניט קיין געזונטע אָדער פארקריפּעלטע קאַרליקעס. ווען איך בין געווען אין ישראל אין יאָר 1954 האָב איך אויסגערעכענט אז עס איז אריינ־געקומען אַן ערך 25.000 דאלאר ניט פונטן. זייענדיק אין ניו יאָרק האָב איך געפרעגט: וואָס וועט מען טוען מיט דעם געלט וואָס עס איז אריינגעקומען ביי דעם איינצאָלונג? האָט מען געענטפערט: מען וועט בויען נאָך הייזער. עס איז געוואָרן שטיל פון די הייזער און מען האָט געבויעט א בית עם — אַ פאָלק הויז, וואָס מען רופט עס אין אַמעריקא אַ צענטער. מען האָט געמאַכט אַ זאַל, מען קען זיך צוזאַמענקומען אויף פאַרזאַמלונגען, אויך פאַר חתונות. מען האָט אויך געמאַכט איין שטוב פאַר אַ ביבליאָטעק, מען האָט געשיקט ביכער פון ניו יאָרק. איך האָב אויך געשיקט ביכער אָבער מען האָט ניט געוואָלט קיין אידישע ביכער ווייל די עלטערע מענטשן לייענען בכלל ניט און די יונגע ווילן נאָר העברע־אישע ביכער. אין אַלגעמיין איז דער בית עם, דאָס פאָלק הויז אַ דורכפאַל. מען האָט פאַרנאַכלעסיגט ווייל עס איז ניט ניצבאַר. די מענטשן דאָרט ווילן עס פאַר־קויפן און זיי ווילן קויפן אַן אַלט הויז אין תל אביב און איבערבויען פאר בית עם אין אַ שטאָט זיי זאָלן עס קאָנען נוצן פאר פאַרזאַמלונגען. זאָגט ני ויאָרק: דער בית עם איז אַ שיין הויז דאַרף מען עס ווייזן די טוריסטן פון אַמעריקא וואָס מען האָט אויפגעבויעט כאָטש עס ברענגט קיין נוצן . . . איך וויל איבערגעבן אַ פאַקט: ווען איך בין דאָרט געווען האָט מען מיר געוויזן דעם ביבליאָטעק, דאָס איז געווען אין דעם טאָג וואָס זיי קומען זיך צוזאַמען יעדעס יאָר פאַר אַ יזכור אָוועגט. עס קומען פיל מענטשן, מיר שטייען און קוקען זיך אַרום די ביכער. עס קומט אריין אַ פרוי און זאָגט צו אונדז: איר דאַרפט ארויס גיין, מיר וועלן פאַרשליסן דעם ביבליאָטעק. ניט טראַכטענדיק אז היינט איז א טאָג וואָס מענטשן קומען און ווילן זען און מעלגיך ווער וויל נעמען אַ בוך צום לייענען. איך בין געווען אַ גאַסט, הייסט מען אונדז ארויס גיין, מען האָט פאַרשלאָסן דעם ביבליאָ־טעק, עס מיינט דער ביבליאָטעק האָט פאָר קיינעם קיין נוצן.

אַ דריטל פון די לאַנדסלייט האָבן זיך שוין ארויסגעצויגן פון זייערע הייזער. זיי האָבן געקראָגן געלט פון דייטשלאַנד ווילן זיי ניט וואוינען אויף א דאָרף, זיי זוכן א דירה אין א שטאָט צווישן מענטשן. עס איז ניט פאר ארבעטער צו וואוי־נען אויף אַ דאָרף, מען דארף פאָרן אין שטאָט און פון שטאָט דארף מען ערשט פאָרן צו דער אַרבעט. און די הייזער זענען געבויעט פון דעם ביליקסטן סאָרט

מאַטעריאַל. מען האָט מיר געוויזן אינווייניק די צימערן. מען ווייזט מיר אַ קיך, אַ זער קליין שטיבעל. קיין צייכן פון אַ קיך, קיין פלאַץ וואו עפּעס אַוועק צו לייגן פון דער האַנט. אַ לעפעל אָדער אַ טעפּעל. זענען די ניו יאָרקער קיכען אויך אזוי? אויב מען דאַרף מאַכן ווי אין ניו יאָרק, פאַרוואָס האָט מען ניט געמאַכט די קיך ווי אין ניו יאָרק?

עס קען זיין איך געהער צו דער מינאָריטעט, מיינט עס אָבער ניט אַז די מערהייט זענען אימער גערעכט! מען האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. די מערדערס זענען די מערהייט, זענען זיי גערעכט? זייער פּלאַן איז געווען ווי המנס, אומצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, פאַרניכטן אונדזער קולטור, מען זאָל ניט וויסן אַז זייער געטליכקייט קומט פון דעם אידישן פאָלק. עס פאַרדריסט זיי זייער שטאַרק ווען מען זאָגט זיי אַז יעזוז איז געווען א איד. זיי האָבן גענומען די צען געבאָט און פאַרקריפּעלט די ביבעל בכלל . . .

די וויסענשאַפט וואָס באַשאַפט אויסבעסערונגען פאַר דער מענטשהייט עס זאָל זיין גרינגער צום לעבן, אזוי אויך אויף דעם מעדיצינישן געביט. מענטשן קאָנען געהיילט ווערן און לעבן לענגער. זיי באַשאַפן אויך מאָרד מאַשינען און מאָרד פאַבריקן וואָס קאָנען אומברענגען וואָס מער מענטשן. עס ווערט אויס־געגעבן ריזיקע סומען געלט אויף דעם. די ארבעטער פון דער וועלט האָבן באַ־דאַרפט מאַכן אַן אַלגעמיינעם סטרייק מען זאָל אַזעלכעס ניט באַשאַפן. פאַר דעם געלט וואָלט די מענטשהייט געהאַט גענוג צום לעבן וואָס מען גיט אויס אויף די מאָרד מאַשינען און די געלטער קומען אריין אין איינצעלע הענט. ווען אַן ארבעטער בעט אַ דאלאר א וואָך מער פאַר זיין אַרבעט ווייל דאָס לעבענס מיטעל האַלט אין איין שטייגן לאָזט מען אים הונגערן, ער זאָל זיין געצוואונגען צו ארבעטן פאַר דעם פּרייז וואָס זיי ווילן געבן. אזוי איז אויך אין דער מעדי־צינישער וועלט. עס איז ניט ווי אַמאָל, דער דאָקטאָר האָט געוואָלט היילן דעם מענטשן, דאָס איז געווען זיין חוב. היינט זוכט דער דאָקטאָר וואָס מער געלט ער קען ארויסציען פון דעם קראַנקען. דער אָרימאן האָט קיין לעבן עקזיסטענץ מעגליכקייט. די רעגירונג קאָן פיל העלפען ווען זי וויל. די רעגירונג דאַרף באַזאָרגן אַלעמען גלייך. אין פיל לענדער איז עס שוין אנגעפירט. אויך דער אָרימער האָט דאָ אַ גרויסע שולד. ער דאַרף עס געדענקען ווען ער גייט צום שטים קאַסטן אין דער צייט פון די וואַלען פאַר באַאַמטע ווער עס איז זיין פריינט. ניט ווי אַ פרוי, ווען זי גייט שטימען באַטראַכט זי ווער ע סאיז אַ שענערער מאַן פאַר דעם גיט זי איר שטימע. עס וואָלט פיל געהאָלפן ווען מען איז פאָרזיכטיק, מען דאַרף שטימען פאַר דעם ליבעראַלן מענטש וועלכער וועט העלפן אויך דעם אָרימאַן. די מערהייט זענען דאָך די אָרימע, און זיי האָבן ניט אַ פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט.

ווען וועט מען באַשטימען אַז מלחמות זענען אומגעזעצליך?

צו וועט משיח פריער קומען?

ISBN:0-657-03609-9